טשענסטאכאווער צייטונג
№40 · פרייז 20 גראשן · „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 1 października 1937 · ליכט-צינדען —.5 · פרייטאג פ׳ בראשית כ״ו תשרי תרצ״ח

XI Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców z ogr. odp. w Częstochowie ul. Panny Marji 22, gmach własny, odbędzie się dnia 10 października 1937 o g. 16 w lokalu Stow. Przemysłowców i Kupców Aleja Wolności 3/5

PORZĄDEK OBRAD:

1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego.
2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia.
3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1936 rok, b) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1936 rok c) Odczytanie bilansu, oraz rachunku strat i zysków za 1936 rok d) Odczytanie protokułu Zw. Żyd. Spółdzielni w Polsce
4) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej.
5) Podział zysków za 1936 rok.
6) Budżet na 1937 rok.
7) Zmiana statutu Banku.
8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie Spółdzielnia może zaciągnąć.
9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi.
10) Wybory: a) I członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. b) 4-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast 3-ch ustępujących i zmarłego b. p. Anszla Warszawskiego. Ustępują: z Zarządu: p. Stanisław Prusicki z Rady Nadzorczej: pp. D. Borzykowski, Dr. Bolesław Helman i Dyr. R. Markowicz.

UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּ. סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק מיט בעגר. פער. אין טשענסטאָכאָוו קומט פאָר דעם 10 אָקטאָבער 1937 י. 4 נאָכמיטאג אין לאָקאַל פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין אלעע וואָל. נאָשטשי 3-5

טאג=ארדנונג:

1) ערעפנונג און וואהל פון א פאָרזיצענדען.
2) פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער פוריגער אַלגעמיינער פערזאמלונג.
3) א. בעריכט פון דער פערוואלטונג פאר׳ן יאהר 1936, ב. בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט פאר׳ן יאהר 1936, ג. פאָרלעזען דעם בילאנס און רעכנונג פון היזקותאון ריוח פאר׳ן יאהר 1936, ד. פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון פערבאנד פון יודישע קאָאָפעראטיוון אין פוילען.
4) אָננעמען דעם בילאנס און ערטיילען אבסאָלוטאריום דער פערוואַלטונג און אויפזיכטס-ראַט.
5) דאס צוטיילען דעם ריוח אויפ׳ן יאהר 1936,
6) בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1937.
7) ענדערן דעם סטאַטוט פון דער באַנק.
8) בעשטימען די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וואס די באַנק קען אויף זיך נעמען.
9) בעשטימען די גרעניצען פון העכסטען קרעדיט, וואס קען ערטיילט ווערען א מיטגליד
10) וואהלען: א. פון 1 פערוואלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אויפ׳ן אָרט פון די אָבטרעטענדע, ב. 4 מיטגלידער פון ראט און 3 פערטרעטער אנשטאט די אָבטרעטענדע און דעם פערשטאָרבענעם אנשל ווארשאווסקי נ״ע. ס׳טרעטען אָב פון דער פערוואלטונג: ה׳ סטאניסלאוו פרושיצקי, פון אויפזיכטס-ראט: ה״ה ד. באָזשיקאָווסקי, דר. באָלעסלאוו העלמאן און דיר. ר. מארקאָוויטש. די אָבטרעטענדע מיטגלידער קענען אויפסניי געוועהלט ווערען.

Rózia Blejwasówna — Zaręczeni — **Moryc Samsonowicz**
Częstochowa — Wieluń

רוזשאַ בלייוויס — מאָריץ סאַמסאָנאָוויטש
טשענסטאָכאָוו — פערלאָבט — וויעלון
אין חודש פּאַזשדזיערניק 1937.

Z intencji zaręczyn naszego kuzyna Maurycego Samsonowicza z p. Różą Blejwasówną z Częstochowy, życzymy wiele szczęścia i zadowolenia

A. Sobelmanowie, Wieluń.

צו דער פערלאָבונג פון ה׳ מאָריץ סאַמסאָנאָוויטש מיט פרל. רוזשאַ בלייוויס — די הערצליכסטע גליקוואונשען

אליעזר בערקאָוויטש און פאמיליע, וויעלון

אונזערע פריינד רוזשאַ בלייוויס און מאָריץ סאַמסאָנאָוויטש צו זייער פערלאָבונג ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט

יעקב ראָזענבלום און פרוי
איצעק קאָשעפיצקי

ס׳איז נויטיג
אַ לערן-יונגעל צו אַ קירזשנער
ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע פאר ז.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.

Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedyńczo
Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.

אכטונג: יעדען שבת פראַקטישע רעקציע
פאר יודישער גענג, שאפט.
אָנהויב 8 אווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען קראַגענס מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט
אלץ צוביליגע פרייזען.

„טעכנאָזיל"—א. זילבערשטיין
טשענסטאָכאָוו, אַלעע קאָשטשושקי № 23
טעלעפאָן 60=18.

פערקויפס= ביוראָ פון קויהלען און קאָקס
ליפערט אויפער וואַגאָנווייזע אויך **איינצעלנע פוהרען** פאָר הויז = געברויך
די בעסטע קוואַליטעטען הייץ=קויהלען: דאָמבראָווער און שלעזישע.
הויפט - פערקויף און פערטרעטונגען פון די בעסטע גרובען, ווי:
גיעשע (ווילסאָן און ליגאָן), **פלאָרא, פאַריז** (קאָשעלעוו).
איך ליפער אָנהויבענדיג פון איין פוהר.
ביליגסטע איינקויפס=קוועלע.

בעקאַנטמאַכונג.
מיר זענען מודיע די ג׳ קליענטעלע, דאס מיר האבען
געעפענט אַ פוטער=געשעפט
— א. ד. פ. —
I. RYCHTER, Częstochowa, Warszawska 10
ערשטער שטאָק, פראָנט.
מיר בעזיצען אויפ׳ס לאַגער אַ גרויסען אויסוואַהל פון אלערליי
פוטערס די בעסטע קוואַליטעטען.
מיר נעמען אויך אָן בעשטעלונגען אויף מענער און דאַמען-פעלצען.
צוגענגליכע פרייזען.

100.000	זל. אויפ׳ן נומער	165681
100.000	זל. אויפ׳ן נומער	54355
50.000	זל. אויפ׳ן נומער	49597
30.000	זל. אויפ׳ן נומער	72585
30.000	זל. אויפ׳ן נומער	167420
20.000	זל. אויפ׳ן נומער	116491

רשימה פון די גרויסע געווינסען, וואס זענען לעצטענס געפאַלען אין דער קאָלעקטור פון **י. וועקסלער**

דערונטער דער **1.000.000 מיליאָן זלאטעס** אויפ׳ן נומער 40875 אין דער 28-טער לאָטעריע

ווי אויך פיעל געווינסען צו 15.000, 10.000, 5.000 זל. א. אַנד.

דעריבער דאַרף מען שוין קויפען א לאָס 1 קלאס 40 לאָטעריע אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון

J. WEKSLER
ALEJA 6, TEL. 11-55.

די ציהונג פון 1 קלאס דעם 21-טען פאזדזיערניק.

Składam najgłębsze współczucie
RODZINIE KARTUZ
spowodu zgonu Ich Matki
b. p. SARY
Róża Gabel.

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאך איך בעקאַנט די ג. קונדשאפט, אַז מיין **גראַוויר-ווערקשטעל**
וועלכעס האט זיך געפונען אין דער ערשטער אַלעע 12
איז איבערגעטראַגען געוואָרען אויף **אַלעע 18** צווייטער הויף פּאַרטער.
איך עמפפעהל זיך ווייטער די געערטע פירמעס.
מיט אכטונג:
ס. בראַנדעס, 2-טע אלעע 18

Rodzinie Wajdenfeld
z powodu zgonu Ich
b. p. OJCA i MĘŻA
wyrazy szczerego współczucia składają
M. ODERBERGOWIE
i BERKOWICZOWIE

Wyrazy szczerego żalu i współczucia **Rodzinie Oderberg**
z powodu zgonu Ich
b. p. MATKI i ŻONY
składa J. BERKOWICZ

נ״ע
אפרים פישל ווײַדענפעלד
ב״ר יהודה ז״ל
איז נאך לאנגע ליידען געשטאָרבען שבת קודש כ׳ תשרי ש. ז. ד׳ דחוה״מ סוכות.
די אַלע, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר, איבערהויפט דער חברה=קדישא, דריקען אויס דעם איניגסטען דאַנק די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

Koleżankom naszym
Itce i Ruchci oraz Rodzinie Fuks
z powodu śmierci Ich nieodżałowanej **SIOSTRY**
wyrażają najszczersze współczucie
R. Baum, J. Cymerman,
M. Jarkowizna, Z. Imich

Koleżance naszej
Itce Fuks
z powodu przedwczesnej śmierci nieodżałowanej
SIOSTRY Jej
wyrażają szczere współczucie
B. Wajsberg, M. Kaufman.

געדולד און אויסדויער.

די פוילישע יודען לעבען איבער זעהר שווערע צייטען, מען פייניגט אונז מאטעריעל ווי אויך פיזיש. פון איין זייט אָרגאניזירט מען זיך, כדי ביי אונז ארויסצורייסען דעם האַנדעל און די מלאכה, פון דער צווייטער זייט זענען מיר אונטערוואָרפען אויך פיזישע ליידען. איבערהויפט האט זיך די אַנאַרכיע פערשפרייט די לעצטע חדשים, ווען דער המון, וועלכער ווערט כסדר געהעצט פון די זאאלאגישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען, לאָזט אויס ביי יעדער געלעגענהייט דעם כעס אויף אונזערע קעפ.

פונדעסטוועגען האבען מיר דעם מוט צו קומען אין דער איצטיגער צייט צו די יודען אין פוילען און זאגען: ווערט נישט פערצווייפעלט, האט געדולד און אויסדויער.

אמת, די יודישע לאַגע איז זעהר א טראַגישע, פערצווייפלען אָבער טאָר מען נישט. דערביי מוז מען געדענקען צוויי מאָמענטען: ערשטענס, האבען מיר יודען שוין איבערגעלעבט אין אונזער געשיכטע א סך שווערע צייטען, און דאמאלס ווען מיר האבען געמיינט, אַז עס איז באו מים עד נפש, אז עס איז שוין נישטאָ קיין הילף צו אונזערע ליידען, האט פלוצלינג די זון פאר אונז אויפגעשיינט און מיר האבען פריי אָבגעאָטעמט. צווייטענס, גלויבען מיר אין דער ריטערליכקייט פון פוילישען פאָלק, וואס וועט סוף כל סוף איינזעהען, אַז די אָלע גיפט-מישער, וועלכע צינדען אָן א פייער פון ראַסען-האָס, זענען קליינינקע ברואים, וועלכע זענען נאָר אויסען זייערע פערזענליכע אינטערעספען און האבען גאָרנישט צו טהון מיט דער אמת'ער אידעע וועגען א גרויס שטאַרק פוילען.

שוין הערען זיך שטימען, אמת דערווייל נאָר איינצעלנע, פון אויפריכטיגע פאָליאַקען, וועלכע פאָדערען צו מאכען א סוף צו דער אַנאַרכיע און הפקרות, וואס הערשט יעצט אין דער פוילישער גאַס לגבי יודען. זאָל מען דעריבער האָפען, אז ווידער וועט קומען א צייט, ווען עס וועט ווייטער הערשן אין אונזער לאנד יושר און גערעכטיגקייט פאר אלע איהרע בירגער דערונטער אויך פאַר אונז יודען.

ווי די לאַגע זאָל נישט זיין שרעקליך, טאָר מען נישט אריינפאלען אין יאוש און פערצווייפלונג. מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט'ן גרעסטען בטחון זאָל מען האָפען, אז די איצטיגע פינסטערע צייטען וועלען שנעל א סוף נעמען און עס וועט זיגען דער יושר און אמת.

געדולד און אויסדויער! — דאָס דאַרף ביי אונז זיין דער אני מאמין, וועלכער וועט אונז געבען כח אויסצוהאַלטען דעם שווערען מאָמענט, כדי צו דערלעבען בעסערע צייטען.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואָך

— אין ווארשא איז פאָרגעקומען א צוזאמענשטאָהר פון דער סאָציאַליסטישער פפס'ישער יוגענד. אויפ'ן מאַרשירענדען צוג האבען גאַראַנצעס געוואָרפען א פעטאַרדע, וועלכע האט פערוואונדעט 20 פערזאָן, צופעליגע דורכגעהער, דערונטער 4 יודען און 16 קריסטען.

— דעם זעלבען טאָג אין אָוונד איז אויסגעפיהרט געוואָרען א פערברעכערישער אַנפאַל אויפ'ן לאָקאַל פון „בונד" אין ווארשא. א גרופע כוליגאַנעס האט אונטערגעוואָרפען פרען-באָמבעס און פעטאַרדעס, און גלייכצייטיג געפעפענט א שיסעריי פון רעוואָלווערען. פון די קוילען זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען 2 יודישע אַרבייטער און די קריסטליכע וועכטערין פון הויז. די אַנפאַלער זענען ענטלאָפען.

— אין מיעכאָוו איז אָרויסגעטראָגען געוואָרען דער אורטייל אינ'ם פּראָצעס וועגען די געשעהענישען אין ראַצלאַוויצע. 25 פערזאָן זענען פערמשפט געוואָרען צו אורטיילען פון 1 יאָהר ביז 6 חדשים תפיסה און 33 בעשולדיגטע זענען פרייגעשפראָכען געוואָרען.

— דער מלוכה פּרעזידענט האט דינסטאג אויפגענומען אין שלאָס אין דער אַנוועזענהייט פון מאַרשאַל רידז-שמיגלי דעם פרעמיער גענ. סקלאַדקאָווסקי און דעם וויצע-פּרעמיער אינזש. קוויאַטקאָווסקי, וועלכע האבען אינפאָרמירט דעם פרעמיער וועגען די לויפענדע אַרבייטען פון דער רעגירונג.

— אין ווארשא האט זיך מיטוואָך אנגעהויבען דער פּראָצעס געגען אַזוי-גערופענעם „מתים קעניג" מרדכי פינקערט, וועלכער איז אָנגעקלאָגט פאַר פיהרען א טעטיגקייט צום שאָדען פון דער געזעלשאַפט „חסד של אמת" און צונעמען 50 טויזענד זלאָטעס. אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק צוזאמען מיט פינקערט'ן זיצען נאך צוויי דאָקטוירים: נח קוסטין און שמעון קאָלפ. אויסער דעם דר. פינקעלקרויט, וועלכער האט זיך נישט צוגעשטעלט צום פּראָצעס צוליעב זיין שווערער הארץ-קראַנקהייט. אלס פערטיידיגער טרעטען ארויס 6 אדוואָקאַטען.

— אין גראַיעוואָ האט זיך לעצטענס בעדייטענד פערשטאַרקט דער אַנטי-יודישער באָיקאָט. מיט א וואָך צוריק זענען די מאַגיסטראַט - בעאַמטע צוגעטרעטען צו רעאַליזירען דעם בעשלוס פון גראַיעוואָער שטאָדט - ראַט וועגען איינפיהרען א „געטאָ" אויפ'ן מאַרק. 95 פּראָצ. סטראַגאַנעס זענען אוועקגעגעבען געוואָרען די קריסטליכע קרעמער און בלויז 5 פּראָצענט האבען בעקומען די יודישע. היות עס האבען נישט געהאָלפען די פּראָטעסטען פון די יודישע לאַווניקעס און ראַטמענער וועט אין ווארשא אונטערגענומען ווערען א אינטערווענץ אין אינערן-מיניסטעריום, אַז דער בעשלוס זאָל אלס נישט-קאָנסטיטוציאָנעלער, אָבגעשאַפט ווערען.

— פאַריז איז ווידער אויפגעציטערט געוואָרען פון א נייעם באָמבען-אַטענטאַט. די באָמבע, וועלכע איז דאסמאָל אונטערגעלעגט געוואָרען ביי דער וואוינונג פון פראַנצויזישען גענעראַל פרעטעלא, האט, צום גליק נישט אויפגעריסען.

— די יאַפּאַנישע לופט-אַנפאַלען אויף די אָפענע כינעזישע שטעדט האבען ארויסגערופען אַנ'אָבקלאַנג אין פעלקערבונד. דער ספּעציעלער „קאָמיטעט פון 23" האט בעטראַכט די אַנקלאַגע פון דער כינעזישער רעגירונג און אָנגענומען א שאַרפע רעזאָלוציע געגען יאַפּאַן.

— אין פאַריז איז אויף א געהיימניספולען אופן פערשוואונדען געוואָרען דער פיהרער פון דער רוסישער עמיגראַציע, גענעראַל מילער, וועלכער האט פערנומען דעם פלאַץ פון גענ. קוטיעפאָוו, נאָכדעם ווי דער לעצטער איז אין 1931 אויף אַנ'עהנליכען אופן פערשוואונדען געוואָרען. צוזאמען מיט גענ. מילער איז אויך פערשוואונדען געוואָרען א צווייטער רוסישער גענעראַל סקאָבלין, וועלכען מען איז חושד, אַז ער האט א שייכות מיט'ן פערשוואונדען פון גענ. מילער. די ביז איצטיגע אויספאָרשונג האט נישט געבראכט קיין שום ממשות'דיגע רעזולטאַטען.

— אין לאָנדאָן איז אין עלטער פון 70 יאָהר געשטאָרבען לאָרד פּיל, וועמענס נאָמען ס'איז פערבינדען מיט דער קעניגליכער קאָמיסיע און איהר פלאַן צו שאַפען אין א"י א יודישע מלוכה. לאָרד פּיל איז געוועזען דער פאָרזיצער פון דער קעניגליכער קאָמיסיע.

— דער נייער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדע ה' אָסטאָשעווסקי איז געוועזען א לענגערע צייט סטאַראָסטע אין לענטשיץ, וואו ער איז געווען בעקאַנט פון זיין העכסט-ליבעראַלער בעציהונג צו דער דאָרטיגער יודישער בעפעלקערונג און געהאט פיעל פערזענליכע פריינד צווישען די לענטשיצער יודען. דער דאָרטיגער איינוואוינער ה' נתן ראַגאָזשינסקי, וועלכער איז געווען בעזונדערס בעפריינדעט מיט דעם געוו. סטאַראָסטע האט ערב יום-טוב בעקומען פונ'ם איצטיגען ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדע ה' אָסטאָשעווסקי וואונשען צום נייעם יאָהר.

— דער דיסטריקט-קאָמיסאַר פונ'ם גליל, קאַפּ. ענדריוס איז אין נצרת דערשאָסען געוואָרען צום טויט דורך 4 פערמאַסקירטע אַראַבישע טעראָריסטען. צוזאמען מיט ענדריוס'ן איז דערשאָסען געוואָרען דער בריטישער פּאָליציאַנט, וואס האט איהם בעגלייט. אין נצרת איז ערקלערט געוואָרען אויסנאַהמס-צושטאַנד. קאַפּיטאַן ענדריוס איז געווען זעהר געאַכטעט אינ'ם גאַנצען יודישען ישוב. ער איז געווען בעקאַנט פון זיין ענערגישען פערפאָלגען די אַראַבישע טעראָריסטען-באַנדעס, פאַר'ן העלפען ענטדעקען איז בעשטימט געוואָרען די בעלוינונג פון 10 טויזענד פונט.

— די רעדע פון מיניסטער בעק אין גענף לטובת דער יודישער מלוכה האט ארויסגערופען אונצופרידענהייט ביי די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטען אין ארץ-ישראל און אין סיריען. די אַראַבישע טהוער זאָלען אָנהויבען אַנ'אַגיטאַציע פאַר א באָיקאָט פון דער פוילישער פּראָדוקציע.

— אין בערלין האבען זיך אין די זשורנאַליסטישע קרייזען פערשפרייט קלאַנגען, אז בעת די געשפרעכען צווישען היטלער'ן און מוסאָליני'ן אין דייטשלאַנד, האט דער איטאַליענישער דיקטאַטאָר געפרובט צו בעאיינפלוסען היטלער'ן ער זאָל ענדערן זיין פּאָליטיק לגבי דער קאַטוילישער קירך און די דייטשע יודען. לויט די דאָזיגע קלאַנגען זאָל מוסאָליני האבען געפרובט ווירקען אויף היטלער'ן צו מילדערן דעם קורס אין זיין אַנטיסעמיטישען און אַנטי-קאַטוילישען פּראָגראַם.

— אין עלטער פון 84 יאָהר איז אין פלאָרענץ געשטאָרבען דער בעקאַנטער יודישער היסטאָריקער דר. ראָבערט דאַווידסאָן, וועלכער האט נאך מיט יאָהרען צוריק בעקומען די עהרען-בירגערשאַפט פון דער שטאָדט פלאָרענץ. דער פערשטאָרבענער איז געווען מיטגליד פון דער וויסענשאַפטס-אַקאַדעמיע אין רוים און עהרען-דאָקטאָר פון מעהרערע איטאַליענישע אוניווערזיטעטען.

— אין בודאַפּעשט איז אין עלטער פון 78 יאָהר געשטאָרבען דער בעריהמטער אונגאַריש-יודישער פילאָלאָג און עטנאָלאָג פּראָפ. דר. בערנאַרד מונקאַטש, דער פערשטאָרבענער איז געווען מיטגליד פון דער אונגאַרישער וויסענשאַפטען-אַקאַדעמיע און האט פיעל בייגעטראַגען פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון דער אונגאַרישער שפּראַך.

קליינינקייטען

די גבורי ישראל...

דער אָקופּאַציע-שטרייק פון די רעליגיעזע ארבייטער אין דער פאַבריק פון זייער חבר-לדעה ר' משה מאָשקאָוויטש אויף דער גאַריבאַלדי גאַס דויערט נאָך.

אָנגעהויבען האט ער זיך אום צום-גדליהו, באַלד אויף צומאָרגענס נאָך ראש - השנה און ווען ער וועט זיך ענדיגען איז נאָך נישט בעוואוסט.

ר' משה, איבערהויפּט זיין זוגתו מרת אסתר עם בתם הכלה גאָלדעלע ווערען וואס אַמאָל אַלץ מעהר פער'עקשנ'ט און וואס לענגער דער שטרייק דויערט, אלץ מעהר ווערען זייערע העי'צער פערשטיינערט און ווילען נישט נאָכגעבען די בעשיידענע פאָדערונגען פון די עטליכע יודישע ארבייטער.

ר' משה מיט זיין בני-בית פערדריסט, הלמאי די רעליגיעזע ארבייטער, די חרדים האבען פונקט אַזוי ווי די אַפּיקורסישע פּראָלעטאַריער זיך פערשריבען אין קלאַסען-פעראיין. מיט דעלעגאַטען אַזוו. וואָלטען זיי צו מיר געקומען—טענה'ט ער און מרת אסתר טענה'ט אויך—איך בין דאָן געווען א מאַמע צו זיי, ווען זיי וואָלטען צו מיר געקומען און געזאגט אַזוי און אַזוי, וואָלט איך דאָך זיי נאָכגעגעבען. זענען זיי אָבער געלאָפען צו קאָמיסאַרישאָק'ן, ווילען מיר זיי נישט מעהר קענען. א סוף זאָל עס נעמען, מיר ווילען די פאַבריק ליקווידירען און מעהר מיט די פּושעים נישט האָבען צו טהון.

די ארבייטער האבען געזעהן, אז ביים אינספּעקטאָר-פּראַצי געהט נישט צו מאַכען, האבען זיי פאָרגעלייגט צו געהן צום וויערושאָווער רבי'ן.—אָט האבען זיי געזאגט, זענען מיר דאָך חסידים פון איין אינדעמזעלבען רבי'ן, נו, אדרבה—זאָל דער רבי פּסק'ענען ווער עס איז גערעכט. הכלל, מען איז אַוועק צום רבי'ן, וועלכער האט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים און ארויסגעגעבען א פּסק דין, אז די ארבייטער זענען גערעכט. ר' משה האט אָבער דעם רבינ'ס, זיין אייגענעם רבינ'ס, בעשלוס אויך נישט געוואָלט מקיים זיין, פונקט אַזוי, ווי ער האט נישט געוואָלט אונטערשרייבען דעם אָבמאַך, וואס עס האט אויסגעאַרבייט דער ארבייטס-אינספּעקטאָר.

דערווייל געפינען זיך די יודישע ארבייטער אויפ'ן הויף פון דער פאַבריק און פּראַווען הלכות אָקופּאַציע. און אינטערעסאַנט, אז אָט די דאָזיגע עטליכע יודישע ארבייטער, וועלכע האבען זיך דעצידירט אויף אַזא שריט, האבען געוואונען די סימפּאַטיע, אויב מען קען דיך אַזוי אויסדריקען, פון דער גאַנצער שטאָדט. אלע האַלטען, אז משה מאָשקאָוויטש מיט זיינע יועצים בעגעהן א גרויס פערברעכען מיט זיין עקשנות, וועלענדיג אויסהונגערן די דאָזיגע אָרימע אַרבייטער. די שכנים פון הויף, צווישען זיי אויך קריסטען, העלפען מיט די שטרייקענדע ארבייטער מיט וואס איינער קאָן—מיט א גלאָז טהעע, מיט א נאַכט-לעגער אדג"ל.

איך האָב די ארבייטער בעזוכט אום הושענה-רבה, נאָכדעם, ווי ר' משה מיט'ן ווייב האבען הייס געבעטען ביים דאַווענען, אז זיי זאָלען בעקומען דאָס גוטע קוויטעל און די אמת'ע הושענה, אז זיי זאָלען געהאָלפען ווערען מיט א נצחון איבער די ארבייטער גלייכצייטיג האבען זיי מסתמא געבעטען אז די ארבייטער זאָלען האָבען א מפלה. זיי זאָלען זיין ווי אַנ'אָבגעקלאַפּטע הושענה...

די ארבייטער, האבען אָבער אויך געבעטען, זיי האבען געדאַוונט ביים רבי'ן וועלטספרייד, וועלכער וואוינט אויף דעמזעלבען הויף און ווער פון זיי ביידע וועט אויסבעטען א בעסער קוויטעל וועט בעווייזען די נאָהנטע צוקונפט...

דערווייל אָבער זענען ביידע צדדים פער'עקשנ'ט. ר' משה, וועלכער האט שטענדיג א פול מויל מיט שמן זית, ווען עס האנדעלט זיך וועגען יודישע ליידען, און ער רעקלאַמירט זיך אלס אוהב ישראל, פילאַנטראָפּ, ווער שמועסט, זיין ווייבעלע, וועלכע איז פרום ווי די מוהמע שרה, איז אָט די צוויי פרומע הארציגע מענשען, קוקען זיך רוהיג צו, ווי אַזוי זייער בלוט און פלייש, זייערע אייגענע ברידער ליידען שרעקליכע מאַטערנישען און ליידען; זייערע ווייכע הערצער צוגעהן נישט פאַר צער זעהענדיג, ווי אַזוי זייערע חברים, פריהרען אין די קאַלטע נעכט אונטער'ן רעגען אויפ'ן הויף. פערקעהרט, אז עס איז א שעהנער טאָג, די זון וואַרעמט, האט ר' משה מיט זיין ווייבעלע עגמת נפש דאָגעגען, ווען עס רעגענט, ווען עס בלאָזען קאַלטע ווינטען, דאַמאָלס זענען זיי צופרידען, זאָלען זיי זיך פּרעגלען אָט די דאָזיגע פּושעים פאַר זייערע עולות...

א קנאַפּען חודש דויערט דאָס דאָזיגע הינטישע לעבען פון די עטליכע יודישע ארבייטער פון מאָשקאָוויטש'ס פאַבריק. זיי האבען אין די אלע ימים-טובים, ווען אלע יודען, פיהלען זיך פרעהליך אין זייערע היימען, דאַווענען אין די שוהלען, האבען די ארבייטער פון דער אויבענדערמאַנטער פאַבריק פערבראַכט אויפ'ן הויף, ליידענדיג קעלט און הונגער קעמפענדיג פאַר זייער גערעכטער זאַך.

אָט די דאָזיגע יונגע און צווישען זיי אויך חסידי'שע ארבייטער קענען אָנגערופען ווערען מיט רעכט: די גבורי ישראל...

אדורכגעפאַלען...

תמיד דערצעהל איך אייך וועגען אונזערע דורכפאַלען, ווי אַזוי מען שפּאָט פון אונז און מען מאַכט פון אונז חוזק. דאסמאָל וועל איך אייך אָבער דערצעהלען, ווי אַזוי זיי זענען דורכגעפאַלען;

זיי, מיין איך, א פּאָר חברה-לייט פון די „א. ב. צ."

געווען איז דאָס אויף אָסטאָטני-גראַש. דרעהען זיך אַרום א פּאָר שקצים (מען זאגט, אַז דאָס זענען ווארשאווער, וועלכע מען האט דאָ אַהערגעשיקט אויף אַרבייט...), מיט די „א. ב. צ." אונטער'ן אָרעם און מאַכען זייערע אויסרופען. און היות ווי דאָס איז אויף דער פּעריפעריע, ערלויבען זיי זיך אויסצוזינגען דעם גאַנצען הכל יודוך מיט אלע פּימשעוקעס, אַז יודען זענען פּאַראַזיטען, און ווער עס קויפט ביי יודען, איז א חזיר, מיט איין וואָרט — דעם גאַנצען „א. ב. צ."-רעפּערטואַר (וואס איז זיי אין דער שטאָדט לעצטענס פערבאָטען געוואָרען).

אַזוי זענען זיי געגאַנגען ביז זיי זענען אָנגעקומען אויף נאַרוטאָוויטשא 166. זעהענדיג אַנ'אָפענע יאַטקע, האבען זיי אויך דאָרט, אין דער יאַטקע, אויסגעזונגען דאָס לידעל, נאָר די פלייש-קויפער האבען דערויף נישט געלעגט קיין אַכט און זיך בלויז געדינגען, אַז מען זאָל זיי געבען א בעסער חלק פלייש. דערווייל האט זיי א קליינער יאָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די יאַטקע געהער צו א יוד, צו א געוויסען ראובן ביאַלעק. אויב אַזוי, טראַכטען זיך די אַבעצעניקעס, קאָן מען דאָך עפּיס אויפטהון אויך מיט די הענד, און באַלד איז געפאַלען א בעפעהל צו די קריסטליכע קונים, זיי זאָלען תיכף פערלאָזען די יודישע יאַטקע. ווען די קונים אָבער האבען נישט געוואָלט אויספיהרען דעם דאָזיגען בעפעהל, האבען די כוליגאַנעס אָנגעהויבען קלאַפּען מיט די טהירען און זיך געגרייט צו מאַכען א פּאָגראָם אין דער יורישער יאַטקע.

דערווייל ווייזט זיך אַרויס, אַז אין צווייטען הויז אויפ'ן ערשטען שטאָק, וואוינט דער פּאָליציי-קאָמיסאַר פון דריטען קאָמיסאַריאַט. הערענדיג די געוואַלדען מיט דעם קלאַפּעריי, איז ער אַרויס אויפ'ן באַלקאָן אין דער פּיזשאַמע געוואויר ווערען: מה קול רעש גדול? זעהענדיג די חברה ביי דער אַרבייט. האט ער אויף זיי מעשה-קאָמיסאַר גוט אָנגעשריגען און זיי געהייסען זיך שנעל אָבטראָגען. די אַבעצעניקעס האבען זיך אָבער פון איהם אויסגעלאַכט און איהם מכבד געווען מיט זעהר קולטורעלע עפּיטעטען. איז דאָך דער קאָמיסאַר געוואָרען אין כעס און אָנגעקלינגען אין קאָמיסאַריאַט, וואס געפינט זיך אויף דער זעלבער גאַס, אַז מען זאָל אַרויסשיקען עטליכע פּאָליציאַנטען.

דערווייל האט עמיצער מודיע געווען די כוליגאַנעס, אז דער הערר אין דער פּיזשאַמע איז דער סאַמע-ראָדנער קאָמיסאַר, האבען דאָך די וואוילע יונגען געזעהען, אַז ס'איז נישט גוט, האבען זיי געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און געמאַכט עוקר אריבער איבער'ן פּושעיאַזד, וועלענדיג זיך אַריינכאַפּען אין שטאָדט אַריין, דאָס איז אָבער זיי שוין נישט געלונגען, די אָנקומענדע פּאָליציי האט זיי געטאַשטשעט און זיי מכבד געווען מיט א פּאַרציע, אלע א.ב.צ.ניקעס געזאגט געוואָרען. אויסער דעם האט מען זיי נאָך פערבעטען אין קאָמיסאַריאַט אַריין, וואו מען האט זיי געבעטען זיך אויסרוהען פון זייער שווערער ארבייט און נאָך 48 שעה, האט מען זיי ערשט איבערגעשיקט צום אויספאָרשונגס-ריכטער.

וואס ווייטער ס'איז מיט זיי געוואָרען, ווייס איך שוין נישט. דאָס ווייס איך אָבער יאָ, אז זינט דאָס האט פּאַסירט קומען מעהר נישט קיין א.ב.צ.ניקעס אויף אָסטאָטני-גראַש מיט זייערע צייטונגען, אַזוי אַז די דאָרטיגע יודען האבען אַביסעל פריי אָבגעאָטעמט.

דער מוסר-השכל פון דער מעשה איז, אז נישט אלע מאָל געהט עס די דאָזיגע כוליגאַנישע גיפט-מישער כשורה, אז אויך זיי קאָנען אַמאָל האבען א מפלה, אַזוי ווי דאָס איז געווען מיט די אויבענדערמאַנטע א.ב.צ.ניקעס, וועלכע זענען צוליב זייער אַגרעסיווקייט און חוצפה גאָר שטאַרק אַדורכגעפאַלען...

סמאַל

נישט אָפּיציעלע מלחמות

פון לעאָ קעניג

מיר זענען אַ פּנים אַריין אין אַ תקופה פון נישט אָפּיציעלע מלחמות ד. ה. פון מלחמות אָהן מלחמה-ערקלערונגען.

די פאַשיסטישע מלוכות געפינען, ווייזט אויס, פאַר בעקוועמער מלחמה צו האַלטען נישט אָפיציעל. ערקלערען קריג איז אי אַלטמאָדיש, אי פערבונדען מיט אַ סך פאָרמאַליטעטען און מאָטיווירונגען: געהן דערצעהלען די אייגענע מאַסען, די שכנה'שע פעלקער און דער וועלט בכלל, פאַרוואָס איך ערקלער מלחמה; און אַז מען געפינט שוין אַ מאָטיוו, הויבט זיך אָן אַ חקירה ודרישה, פּראָטעסטען און ווי מען זאָל נישט פייפען אויפ'ן פעלקער-בונד איז פאָרט נישט איינגאַנצען בעקוועם, ווען ער הויבט אָן פאַסען רעזאָלוציעס.

איז טאַקע פאַר די דיקטאַטאָרען בעסער און בעקוועמער צו מאַכען מלחמות אָהן ערקלערונגען; אַט אַזוי נישט מיר, נישט דיר מאַכט מען אַ מלחמה און פערטיג. ערשטענס ווערען די דעמאָקראַטישע לענדער און זייערע דיפּלאָמאַטען פערפּלעפט פון אַזאַ מין סאָרט נישט אָפּיציעלער מלחמה.

די דעמאָקראַטישע פּאַרלאַמענטאַרע לענדער האַלטען זיך נאָך ביי די אַלטע פאָרמען פון דיפּלאָמאַטיע און זיי ווייסען נישט גענוי ווי צו רעאַגירען אויף אַזעלכע נישט אָפיציעלע מלחמות, וואָס מען ווייסט נישט (און מען קען זיך נישט וויסענדיג מאַכען) צי זיי זענען אמת'ע מלחמות, צי נישט.

דערווייל געהן אָן די דיקטאַטאָרען מיט זייער אַרבייט, זיי בעזיגען די בעפאַלענע פעלקער, פערכאַפּען נייע סטראַטעגישע פּאָזיציעס.

און די דעמאָקראַטישע דיפּלאָמאַטיע שטעהט דערווייל אויף דער וואָך — נישט אַהער און נישט אַהין — און היט די נישט אָפּיציעלע מלחמה זאָל זיך נישט פערשפּרייטען און ווערען אַ אייראָפּעאישע קריג. בקיצור, מיר זענען אַריין אין אַ תקופה פון נישט אָפּיציעלע מלחמות.

מוסאָליני האָט אַביסיניען קיין מלחמה גישט ערקלערט: זיינע לעגיאָנען האָבען גלייך אַריינמאַרשירט אָהן אַ מלחמה ערקלערונג.

מוסאָליני (און היטלער) האָבען אויך דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנער רעגירונג קיין מלחמה נישט ערקלערט (חס וחלילה); מ'איז נאָר אַהין אַריינגעקראָכען אַלץ טיפער און טיפער און מען האַלט מלחמה געגען שפּאַנישען פאָלק (נישט קוקענדיג אָדער אַ דאַנק דער נישט-אינטערווענציע) און אַז סאַנטאַנדער איז געפאַלען האָט מוסאָליני זיך נישט געשעמט זיך צו בעריהמען עפענטליך פאַר דער גאַנצער וועלט מיט זיינע לעגיאָנען און גענעראַלען, וואָס אָהן זיי וואָלט פראַנקאָ נישט געהאַט דעם זיג. מוסאָליני און היטלער פיהרען איצט אַן אַ נישט אָפּיציעלע קריג מיט שפּאַניען — און מיט די אַנדערע מלוכות, וואָס האָבען אינטערעסען אינ'ם מיטעללענדישען ים.

נישט אָפּיציעלערהייט... וואָסושע קאָן מען זיי טהון אַז ס'איז פאָרט נישט קיין מלחמה?...

און איצט האַלט יאַפּאַן מלחמה מיט כינאַ און אויך אָהן אַ אָפּיציעלער מלחמה-ערקלערונג.

פערשטעהט איהר שוין. די פאַשיסטישע לענדער האַלטען נישט קיין מלחמות, זיי בעשטראָפען נאָר, זיי לערנען נאָר אָן די פעלקער און לענדער וואָס זיי לוינט זיך צו בעשטראָפען און אָנלערנען ביז... זיי וועלען זיי איינגאַנצען אַנעקסירען אָדער בעהערשען.

און ווי אַזוי רעאַגירען די פּאַציפיסטישע דעמאָקראַטישע לענדער אויף די נישט אָפּיציעלע מלחמות, ווייסען מיר דאָך שוין.

קודם כל היט מען זיך פון אַן'אמת'ער וועלט-מלחמה און... מען דיסקוטירט די פראַגע צי די דעמאָקראַטיעס דאַרפען זיין אַנטאַגאָניסטיש צו די דיקטאַטאָרען, צי לעבען בשלום מיט זיי.

די דעמאָקראַטישע לענדער צווייפלען, דיסקוטירען...

און אין די פאַשיסטישע לענדער ווייסט מען ווי אויסצונוצען אַט די דיסקוסיעס: דאָרטען הויבט מען אָן גלויבען, אַז אַזעלכע גרויסע מלוכות ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען שוין נישט דאָס וואָס זיי זענען אמאָל געווען. פראַנקרייך, און וואָס איז נאָך איבעראַשענדער, אַפילו ענגלאַנד, האָבען שוין פערלוירען זייערע אמאַליגע תקופות.

ענגלאַנד פּראָטעסטירט צו פראַנקאָן פאַרוואָס ער אַטאַקירט איהרע שיפען און פראַנקאָ ענטפערט אַפילו נישט.

יאַפּאַנישע אַעראָפּלאַנען פערוואונדען דעם אַמבאַסאַדאָר פון גרויס בריטאַניען און יאַפּאַן איילט זיך נישט אַפילו צו פערגיטיגען דעם „פאַרפאַל"...

די דיקטאַטאָרען קוקען זיך גוט צו און נעהמען זיך אַראָב דעם מוסר, וואָס זיי דאַרפען: מען מעג, מען קען נאָך מעהר וואָגען. די גרויסע אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס זענען שוין נישט זיכער מיט זיך אַליין, זיי גלויבען שוין נישט אין זייערע כוחות, זיי לאָזען זיך שפּייען אין פּנים אַריין.

די אייראָפּעאישע דעמאָקראַטישע לענדער זענען צופיעל פערנומען מיט זייער מורא פאַר קריג, וועלען מיר דערווייל אָנגעהן ווייטער מיט אונזערע נישט אָפּיציעלע מלחמות.

מיר וועלען וואָגען מעהר און מעהר און זיי וועלען אַלץ שווייגען...

ביז מיר וועלען ווערען די בעלי בתים פון די וויכטיגסטע סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין אייראָפּע. און מיר וועלען קענען זיי דיקטירען אונזערע בעדינגונגען.

מוסאָליני האָט אנומעלט פייערליך ערקלערט, אַז „ער וועט נישט דולדען אַ באָלשעוויסטישען, צי עהנליכען רעזשים אין שפּאַניען".

ער וועט נישט דולדען, מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז דער קאָפּ פון דער גרעסטער וועלט-אימפּעריע.

און די חוצפּה פון די דיקטאַטאָרען ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.

נאַטירליך איז אין אַ געוויסער מאָס לייכטזיניג די טענה, אַז ענגלאַנד און די אַנדערע אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס האָבען מורא און גלויבען שוין נישט אין זייער מאַכט, און דערפאַר פערשווייגען זיי איצט בעליידיגונגען, וואָס זיי וואָלטען אמאָל נישט פערשוויגען.

מען קען די ערשיינונג אויסטייטשען פונקט פערקעהרט „איזהו גבור הכובש את יצרו" — עס איז פיעל העלדישער פּרובען, ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען אַ וועלט-מלחמה, ווי צוויילען...

אָבער, נישט וועלענדיג, שטעלט זיך שוין די מורא'דיגע פראַגע:

אפשר זעהען מיר שוין דעם אָנפאַנג פון דער נייער גרויסער וועלט-מלחמה, פאַר וועלכער אַלע האָבען אַזוי מורא?

ווערט זיך נישט אויך די וועלט-מלחמה אָנפאַנגען אַזוי בהדרגה און דער עיקר... נ י ש ט אָ פּ י צ י ע ל ?

און מיר בעמערקען אַליין נישט ווי מיר גליטשען זיך שוין אַראָב צו דעם שוידערליכען תהום.

פּראַג אין יאָהרצייט-טאָג פון מהר"ל ז"ל

(רייזע-איינדרוקען)

מיטוואָך י"ח אלול איז געוואָרען 328 יאָהר זינט ס'איז נפטר געוואָרען דער מהר"ל מפראַג ז"ל.

אין יאָהרצייט-טאָג פון גרויסען גאון, וועמענס נאָמען עס ווערט מיט גרויס דרך-ארץ דערמאָנט אין אַלע ווינקעלעך פון כדור-הארץ, וואו עס פּולסירט נאָר אַ יודיש לעבען, שפּאַצירט זיך אַרום אַ מזרח-יוד (אָסט-יודע בלע"ז) איבער די גאַסען פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּט-שטאָדט. ער זוכט אויף די מאָדערנע גאַסען פון פּראַג זכרונות פון אמאָל. אויף די הויפּט-גאַסען געפינט ער אָבער גאָרנישט. אין פּינסטערען מיטעל-אַלטער האָבען טונקעל-רויטע, העל-רויטע און גרינע פייערן נישט רעגולירט דעם פערקעהר, פּאָליציסטען האָבען נישט אָנגעצשריגען אויפ'ן עולם מען זאָל נישט אַזוי גיך אַריבערלויפען די גאַסען. טראַמווייען, אויטאָבוסען, טאַקסיס און אַנדערע פערקעהר-מיטלען זענען נישט אַרומגעלאָפען אָהין און צוריק. גרויסע וואָרען-הייזער, אין וועלכע מען געהט אַריין אַנגעטהון אין אדם-הראשון'ס מלבושים און מען קומט אַרויס ווי אַ חתן אונטער דער חופּה, זענען דעמאָלס נישט געווען.

פרעגט מען אַ פערבייגעהענדיגען טשעך, וואו געפינט זיך דער אַלטער יודישער בית-עולם, אויף וועלכען עס איז געקומען צו קבורה דער מהר"ל ז"ל. דער טשעך קוועטשט אָבער מיט די פּלייצעס. ער ווייס נישט ווער דער מהר"ל איז געווען.

גישט פיעל מעהר ווייס אויך דער טשעכישער „יאַהודי". אַ פּאָליציסט דאַרף איהם דערמאָנען, אַז ביי דער אַלטער שוהל געפינט זיך אַן'אַלטער יודישער בית-עולם, וועלכער ווערט בעזוכט פון טוריסטען. דער טשעכישער יאַהודי דערמאַנט זיך, אַז אויפ'ן אַלטען בית עולם געפינט זיך דער קבר פון „וואונדער-ראַבינער לעווי" און עצה'ט קויפען אַ „פירער איבער פּראַג", דאָרט וועט זיין אַלעס גענוי בעשריבען. ליידער איז דער „פירער איבער פּראַג", וועלכער דאַרף דיענען אַלס וועג-ווייזער פאַר פרעמדע טוריסטען, אויך דער וועג-ווייזער פאַר'ן „יאַהודי". זיין ביסעל ידיעות וועגען דער אַלטער יודישער פּראַג שפּעט ער פון דאָרט. קיין גייסטיגען צוזאַמענבונד מיט דער היסטאָרישער תקופה פון מהר"ל ז"ל פיהלט ער ליידער נישט.

די אָפיציעלע פּראָספּעקטען פון פּראַג זענען געדרוקט אויף אַלע לשונות און דערצעהלען דעם אויסלענדער די אייגענאַרטיגקייטען פון דער דאָזיגער אַלטער שטאָדט.

פאַר 35 קראָן (לערך 7 זלאָטעס) פיהרט אייך אַן'אויטאָבוס אַרום גאַנצע דריי שעה איבער די ברייטע גאַסען פון נייעם פּראַג, ווי אויך איבער די שמאָלע געסלעך פון אַלטען פּראַג. מען בעווייזט אייך מאָדערנע בנינים, בריקען, דעם פּאַלאַץ פון פּרעזידענט, ווי אויך דעם אמאַליגען יודישען ראַטהויז, די אַלט נייע שוהל, דעם קבר פון מהר"ל ז"ל און אַ דענקמאַל, וועלכען די פּראַגער שטאָדט פערוואַלטונג האָט אויפגעשטעלט לכבוד דעם מהר"ל.

די אַמאַליגע יודישע געטאָ עקזיסטירט שוין מעהר נישט. פּראַגער יודען זענען גלייכבערעכטיגטע טשעכאָסלאָוואַקישע בירגער. די אַלט-שטאָדט איז אָבער פול געטאָ - מאָנומענטען. אין שטאָדט-ראַט הענגען די קייטען, וועלכע האָבען דעם געטאָ מיט הונדערטער יאָהרען צוריק אָבגעטיילט פון דער איבעריגער פּראַג. אַנגעגאָלדעט האָט די קייטען די פּראַגער שטאָדט-פערוואַלטונג און בעהאַלטען אַלס אַ זכר לדורות. ס'איז נאָך געבליבען דער בנין פון יודישען שטאָדט-ראַט מיט דער היסטאָרישער „יודישער" אור, וועלכע פערמאָגט אַ ציפערבלאַט מיט יודישע אותיות.

פון שטאָדט ראַט פיהרט מען דעם טוריסט גלייך אויפ'ן אַלטען יודישען בית-עולם, וואו עס געפינט זיך דער קבר פון מהר"ל ז"ל. בעקלאָגען זיך די שמשים פון חברה-קדישא, אַז בעיקר זענען די בעזוכער פון דעם דאָזיגען היסטאָרישען בית-החיים נישט קיין יודען, נאָר טאַקי ריינע אַריער.

אין יאָהרצייט-טאָג האָבען דעם בית-עולם בעזוכט עטליכע צעהנדליג יודען, דאָס זענען געווען „כנסי גדולה"-דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַר'ן פערלאָזען

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אף ברי...

האַלטען מיר שוין נאָך אַלע ימים טובים. מיר האָבען שוין אָדורכגעמאַכט „ס'קאַלטע און ס'וואַרימע" די סליחות און די תשליך, דאָס כפרות שלאָגען און די סכה. הושענות-קלאַפּען און דעם שמחת תורה'דיגען קידוש, אַלץ. דאָס שלעכטע ווי דאָס גוטע געהט אַלץ פערביי. כצל עובר וכענן כלה...

כאָטש אויף די היידיגע ימים טובים קאָנען מיר זיך נישט בעקלאָגען, מיר האָבען זיי אויסגעפיהרט מיט אַלע פּיטשעווקעס. אי מיר האָבען בעקומען מלקות אי ס'איז לגבי אונז מקוים געווען דער ובכן תן פחדך...

ווען מיר זאָלען מאַכען אַ חשבון פון אונזערע איבערלעבענישען אין די לעצטע ימים-טובים, וואָלט דער סך הכל געווען אַ נישט קשה'דיגער. וואָרום פערגעסט נישט, אַז האָרט פאַר סכות האָט מען אונז נאָך צוגעגרייט מטעמים. וואָס רופען זיך ביעלסק-ביאַלאַ און עס דערלאַנגט אונז אין דער כפה אַריין. זאָל מען אָבער האָפען, אַז מיט דעם וועט זיך שליסען אונזער בילאַנס, מיט וועלכען מיר האָבען זיך נישט חס ושלום וואָס צו שעמען...

איצט האַלטען מיר שוין נאָך אַלעמען, עס הויבט זיך אָן צוריק דאָס גרויע וואָכענדיגע לעבען, כאָטש, צי מיר וועלען נישט האָבען קיין אַטראַקציעס קאָן מען פאָראויס נישט בעשטימען...

ווען דער חזן האָט שמיני עצרת ביים מוסף געבענשט גשם, האָט ביי יעדען יודען געגעבען אַ טיאַכקע אין האַרצען פון דעם „אף ברי", וואָס ווערט ביי יודען אויסגעטייטשט, אף ברי, דער ווינטער ריקט צו, דער פעלץ איז אויסגעקראָכען, דער אויווען איז צובראָכען, און קיין געלד איז אַלץ נישטאָ...

מיר טרעטען אַריין אין אַ ווינטער מיט אַ מורא'דיגע קעלט און נישט נאָר אויסערליך איז אַזוי קאַלט, נאָר אויך אינעווייניג אין דער נשמה כאַפּט אַרום אַ שוידערליכע קעלט, אַרומקוקענדיג ווי מיר האַלטען אין דער וועלט.

פאַר אונזערע יודישע פאָרשטעהער שטעהט פאַר אַ גרויסע שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט, זיי, וועלכע זענען אונזערע שליחי-צבור אין דער יעצטיגער אויסערסט שווערע צייט, וועלען מוזען אַ טראַכט טהון, וואָס טהוט מען, כדי צו ראַטעווען דאָס ביסעל יודען פון דעם קאַלטען שטורם ווינט, וועלכער בושעוועט אַרום אונז. אויך זיי אונזערע כלל-טהוער וועלען מיט'ן נגון פון „גשם", זיך אַ פּרוּם אונטער טהון. אף ברי...

ס. אָ. ס.

די בעדייטונג פון די דריי אותיות ס. אָ. ס. איז: ר אַ ט ע ו ו ע ט ! ווען אַ שיף שטויסט זיך אָב אין מיטען ים אויף אַ גרויסען שטורם אָדער אַן'אַנדערען מכשול און עס דראָהט אַ נעפאָה, אַז זי זאָל אונטערגעהן, לאָזט זי אַרויס אַן'אַלאַרם סיגנאַל ס. אָ. ס. און יעדע נאָהנטע שיף איז מחויב צו קומען צו הילף דער דאָזיגער אומגליקליכער טרינקענדער שיף. און ראַטעווען וואָס איז נאָר מעגליך.

אויך מיר טשענסטאָכאָווער יודען האָבען אַזאַ שיף, וועלכע האַלט זיך אין טרינקען, דאָס איז דאָס יודישע שפּיטאַל, אַ שיף, אין וועלכער עס געפונען שוץ הונדערטער יודישע פּאַסאַזשירען און נישט גלאַט פּאַסאַזשירען, וועלכע ווילען דאָרט צוליעב וואוילטאָג נאָר אַזעלכע, וועלכע קומען דאָרט אַהין היילען זייערע קראַנקע גופים, און אַ דאַנק דער מעדיצינישער הילף, וואָס זיי בעקומען דאָרט, ווערען זיי געזונד און פעהיג צום ווייטערדיגען לעבען.

איך קאָן די דירות פון אונזערע אָרימע יודען. איז בעת זיי זענען געזונד, גו מילא העלפט מען זיך נאָך ווי ס'איז. וואָס טהוט מען אָבער ווען אַזאַ איינער ווערט חלילה קראַנק און אין דער איינער שטוב געפונען זיך אויסער דער פרוי נאָך עטליכע קינדער? דאָס גאַנצע לעבען פון דער שטוב ווערט אונטערגעהאַקט. אַט דער איינער קראַנקער שטערט דאָס לעבען פון אַלע איבריגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. ווען דער קראַנקער ווערט אָבער אָוועקגעפיהרט אין שפּיטאַל, דאָרט וואו ער געפינט זיך אונטער דער השגחה פון אַ גאַנצע רייהע דאָקטוירים, ווערט דער קראַנקער בערוהיגט און האָט האָפנונג צוריק געזונד צו ווערען און זיך בקרוב אומצוקעהרען צו זיין הויז געזונד און ווידער ווערען אַ נוצליכער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט.

דאָס יודישע שפּיטאַל, איבערהויפּט דאָס טשענסטאָכאָווער יודישע שפּיטאַל, וועלכעס דיענט אַלס מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע עהנליכע אינסטיטוציעס איז ממש אַ לעבענס-פראַגע פאַר די היגע יודען ווי אויך פאַר די יודען פון דער נאָהנטער געגענד אום ווען חס ושלום דאָס יודישע שפּיטאַל זאָל מוזען אונטערגעהן דאַן וואָלט דער פערלוסט געווען אונערזעצבאַר.

אמת איז, מיר האַלטען, אַז קיין שפּיטאַל איז נישט נויטיג, דען צו וואָס דאַרף מען דען אינגאַנצען קראַנק זיין. מענשען און איבערהויפּט יודען דאַרפען שטענדיג געזונד זיין, היות אָבער ווי דאָס איז ביי דער היינטיגער בורזשואַזער אָרדנונג דערווייל נאָר אַ גוטער וואונש מוז מען האָבען דאָס יודישע שפּיטאַל. איך שטרייך אונטער דאָס יודישע שפּיטאַל, ווייל ווען ס'עקזיסטירען אַפילו אַנדערע שטאָדטישע שפּיטעלער, זענען זיי פאַר אונז יודען צוליעב ריין רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע טעמים נישט צוגענגליך און דעריבער מוז אויפגעהאַלטען ווערען אַ יודיש שפּיטאַל.

וואָרט נאָר, עפּעס לעבען מיר דאָך איבער שווערע טעג, מיר זענען דאָך אונטערוואָרפען — אויסער נאַטירליכע קראַנקהייטען — אויך אויסטערלישע נישט נאַטירליכע חולאת'ן. אַט געהסטו דיר רוהיג אין גאַס און פּלוצלינג, דו ווייסט נישט פון וואַנען און פון וואו, און דו ביזט שוין ראוי אַריינגעכאַפּט צו ווערען אין שפּיטאַל, כדי דו זאָלסט בעקומען אַ שנעלע הילף פאַר דיין צושפּאָלטענעם קאָפּ אָדער ריסוק-אברים.

מיט איין וואָרט, דאָס יודישע שפּיטאַל איז נויטיג פאַר אַלע יודען, סיי פאַר אָרימע און סיי פאַר רייכע, פאַר אַלע איז דאָס שפּיטאַל אַ טרייע מאַמע, וועלכע צערטעלט דאָס קראַנקע אומגליקליכע קינד און ברענגט איהם הילף און געזונדונג.

אַט דאָס דאָזיגע שפּיטאַל, וואָס מאַכט געזונד הונדערטער קראַנקע איז איצט לא עלינו, אַליין קראַנק, און אויף אַ געפעהרליכע קראַנקהייט. עס צעהרט, עס געהט אויס פון סוכאָטעס, עס איז אַ מאַנגעל אין געלד און אַ שעהן פּנים וועלען מיר אַלע האָבען, ווען אַט די רעטונגס-שיף אונזערע וועט אונטערגעהן.

ס. אָ. ס.

הערט זיך אַ סיגנאַל פון אונזער טרינקענדער שיף און אַלע יודען, סיי אָרים, סיי רייך, סיי די, וועלכע וואוינען אין טשענסטאָכאָוו און זיי ראַטעווען זיך אַליין בשעת סכנה אין די שיף, וואָס הייסט יודיש שפּיטאַל. סיי די יודען, וועלכע וואוינען אין דער אומגעגענד פון טשענסטאָכאָוו, אַלע, אַלע, יונג און אַלט, מענער און ווייבער, אַלע ביי וועלכע עס קלאַפּט אַן'אָדער פון מענשליכקייט און יודישקייט, אַלע לאָמיר לויפען, וואָס שנעלער ראַטעווען מיט אונזערע גראָשענס דאָס יודישע שפּיטאַל.

מען פאָדערט נישט פון אונז קיין שווערע קרבנות, נאָר אַ פּאָר גראָשען, וואָס מעהר אַלץ בעסער און וואָס פריהער אַלץ געזונדער, זאָל קיינער נישט האָבען אויפ'ן געוויסען, אַז צוליעב זיין פערנאַכלעסיגונג צוליעב דעם וואָס ער האָט נישט מיטגעהאָלפען מיט זיינע פאָר גראָשען דעם יודישען שפּיטאַל, איז די פערכטיגע געזונדהייטס שיף אונטערגעגאַנגען — ס. אָ. ס.

לא אלמן ישראל.

ווער וואָלט געקאָנט גלויבען, אַז די יודען דאָ ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו, וועלכע מען פּיקעטירט די געשעפטען, וועלכע מען שלאָגט אין די גאַסען, די יודען, וועלכע לעבען אין איין פּחד, זאָלען גאָר אין זינען האָבען צו פערשענערען זייערע שוהלען און מגינים.

אַט וועל איך אייך ברענגען עטליכע פאַקטען:

אין דער ערשטער אַלעע נר. 4 געפינט זיך די „אהל-יעקב"-שוהל. טראַכטען די דאָרטיגע מתפללים שטענדיג נאָר אַריין, ווי אַזוי אויסצופוצען דעם בית אלהים. מאַכט מען וואָס אַ מאָל אַן'אַנדער רעמאָנטיל. לעצטענס אָבער האָבען זיי געמאַכט אַ גרונדליכען רעמאָנט. אַ נייעם ארון קודש, אַ נייעם בעלעמער, אַן'עמוד און בכלל האָבען זיי אויסגעפּוצט די שוהל, אַז זי מאַכט אַ הערליכען עסטעטישען איינדרוק.

דאָס זעלבע איז אין דער שוהל „לומדי תנך" אויף דער נאַדרזשעטשנאַ נומער 54. אויך די דאָרטיגע פּשוטע יודען, וועלכע מען קען נישט חושד זיין אין קיין צו גרויסע גביר'שאַפט, האָבען פון די לעצטע גראָשענס אויסרעמאָנטירט הערליך זייער שוהל, געמאַכט אַ נייעם הערליכען ארון הקודש

טשעכיען זיך בעקענט מיט דעם אמאָליגען יודישען פראַג.

די טשעכישע יודען האבען אבער פערגעסען וועגען אלטען מהר"ל, זיי ווייסען נאר פון „וואונדער-ראַבינער לעווי", וועמעס קבר געפינט זיך אין אלטען „געטאָ", וואו א איצטיגער אמת'ער טשעכישער יוד שפּאַצירט אפילו נישט אריין, ווייל ווי פאַסט עס, אז א טשעך פון משה'ס גלויבען זאָל האבען צו טהון מיט פוילישע און גא-ליציאַנער יודען, וועלכע וואוינען אין די אמאליגע געטאָ גאַסען.

צוזאמען מיט א גרופּע עקסקורזאַנטען בעזוכט אין יאהרצייט-טאָג פון מהר"ל ז"ל דאס אלטע פראַג אויך א דייטשער יוד. מיט טרערען אין די אויגען הערט ער אויס די ערקלערונגען וועגען די אלטע היסטאָרישע צייט.

נישט היימליך ווערט אויפ'ן האַרצען בעת מען בעאָבּאַכטעט, ווי דער דייטשער יוד קוקט אויף די אַלטע קייטען און גלייכצייטיג דערמאַנט ער זיך אויף דעם איצטיגען מצב פון דייטשען יודענטום. צופרידען קען מען אויך נישט זיין, בעת מען גיט זיך א קלער, אז ביים היינטיגען טשעכישען יוד איז דער מהר"ל ז"ל פערוואַנדעלט געוואָרען אין א „וואונדערראַבינער לעווי" און מיט דער זעלבער נייגעריגקייט ווי דער אמעריקאַנער טוריסט, גלויבט אויך דער טשעכישער יוד די ערקלע-רונג פון נישט יודישען וועג-ווייזער וועגען צלם אויפ'ן קאַרל-בריק מיט'ן אויפשריפט קדוש, קדוש, קדוש ד' צבאות. פרעמד איז די דאָזיגע עברי נישט נאָר פאַר'ן אמעריקאַנער טוריסט, נאָר אויך פאַר'ן טשעכישען יוד.

פראַג האט די, אַמאָליגע געטאָ-קיי-טען בעהאַלטען אלס א היסטאָרישען מאָנומענט. אין היינטיגען דייטשלאַנד ווערען זיי אָבער אריינגעפיהרט אין לעבען. גזירות שיטען זיך טאָג איין טאָג אויס אין דייטשלאַנד אויף די קעפּ פון יודען. מיט שרעק און פחד וואַרט מען אויף דער היי-יאהריגער קאָנפערענץ פון דער נאַצ. סאַצ. פּאַרטיי אין נירענבערג. ווער ווייס וואס פאַר גזירות וועלען די נאַצי-פיהרער היי-יאהר אויסטראַכטען. אמת, וועגען עלילת-דם-בלבולים,—א חוץ דעם מטורף שטרייכער—טראַכט קיינער מעהר נישט, די מאָדערנע גזירות שטעהען אָבער נישט אָב פון זייערע „קאָלעגען" אין מיטעלאַלטער.

עס פעהלט אָבער איצט דעם יודי-שען קאָפּ אין דייטשלאַנד דער מהר"ל, וועלכער זאָל קעמפען געגען די גזירות. שטעהט טאָקי פער'יתומ'ט דער דיי-טשער יוד ביים קבר פון מהר"ל און צוזאמען מיט נאָך עטליכע מזרח-יודען וואַרפט ער אריין א קוויטעל אין קבר פון גרויסען פּראַגער רב.

פרעמד איז דער גרויסער פראַגער רב פאַר די היינטיגע פּראַגער יודען. די שוהל, און וועלכער דער מהר"ל האט געדאַוונט, עקזיסטירט אבער נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג. אויך זי ווערט בעזוכט פון טוריסטען און מען בעוואונדערט פערשידענע היסטאָרישע מאָ-נומענטען, ווי אויך דאס אָרט אויף וועלכען דער מהר"ל ז"ל האט גע-לערנט. דער שמש דערצעהלט עטליכע מעשיות וועגען דעם מהר"ל, וועלכע זענען פערבונדען מיט דער שוהל און אונ-טערשטרייכט, אז נאָך איצט ווערט אין שוהל געדאַוונט דריי מאָל א טאָג. דער טוריסט קלויבט פון שמש ער-צעהלונג נחת. א יוד אָבער פערשאַפט די צערעמאָניע, וועלכע איז פערבונ-דען מיט בעזוכען די שוהל, די האַרצ-ווייטאָג.

נישט גרויס איז די צאָהל מתפללים פון דער דאָזיגער שוהל. א פרעמדער, וועלכער וויל בעקוקען דעם דאָזיגען היסטאָרישען מקום קדוש, דאַרף קויפען א בילעט, ווי להבדיל אין א מוזעאום.

ביי יודען איז אפילו אַנ'אַלטע היס-טאָרישע שוהל נישט קיין מוזעאום, נאָר א מקדש-מעט, וואו יעדער קען קומען מתפלל זיין. די טשעכישע יודען האבען פערגעסען אויף א וויכטיגען אייגענשאַפט פון די געוועזענע געטאָ קייטען.

די קייטען האבען דעם יודישען פאָלק נעגעבען א גייסטיגען לעבען, זיי האבען איהם געגעבען א גייסטיגען קראַפט צו בעזיגען אַלע שוועריגקיי-טען, בעיקר—אַקעגענצושטעלען זיך דער אַסימילאַציע אין אַלע איהרע פאָרמען. דער היינטיגער טשעכישער יוד פערמאָגט נישט דעם כח, וועלכען עס האבען געהאַט זיינע עלטערן מיט הונדערט יאהר צוריק און ער קען די באַצילען פון אַסימילאַציע נישט ביי-קומען.

פרעמד איז פאַר'ן יאַהודי דער מהר"ל און דעריבער איז פאַר איהם אויך פרעמד דער היסטאָרישער בית-החיים אפילו אין מהר"ל'ס יאָהרצייט-טאָג.

וואו נעמט מען די פּערזאָן, וועלכע זאָל ביי די טשעכישע יודען פערוואַנ-דלען דעם היסטאָרישען „וואונדער-ראַבינער לעווי" אין א מהר"ל, וועמעס גייסטיגע וועלט דאַרף אויך איצט זיין די פיהרערין פון יודענטום?

אברהם

מוצאי-יום-טוב אין א קליין שטעדטיל

די פרעהליכע, שמחת-תורה'דיגע זון האט זיך שוין אויף יענער זייט שטעד-טעלע אריבערגעכאַפּט און קוקט פון דאָרטען אַהער אין די לאַנגע און שמאָ-לע געסעלעך אריין.

אין שטעדטיל איז נאָך יום-טוב'דיג, וואו נישט-וואו בעגעגענסטו נאָך א בעל-הבית'ל, מיט'ן איבער-בגד אויף די אַקסלען, געהענדיג ערשט אַהיים וואָרעמעס עסען, ווייבער, בכבוד'יגע, געהען צו-און-פון די תורות קושען. אַנ-דערע, וויסענדיג, אַז היינט בּרויכט מען שוין קיין „פייער מאַכען", לאָזען זיך אוועק גוט-יום טוב'ס ביטען, וויזי-טען אָבגעבען.

יונגוואַרג שיט זיך פון די הייזער אין די גאַסען, פון די גאַסען אין די הינטער-געסלעך, און פון דאָרט אַהין צו דער „אוסטיאַ" צו. מ'שפּאַצירט, מ'רעדט, מ'כאַפּט א בליק אין דער זייט...

ביי אָפענע פענסטער זיצען מאַמעס, גראַבלענדיג זיך מיט די הענד אין די גאָלדענע, קינדערישע קעפּעלעך און קלערענדיג עפּיס, טאַטעס הויבען זיך אויף פון די בעטלעך, וואו מען האט א לאַנגען אָדער א קורצען דרימעל געכאַפּט, גיסען נעגעל-וואַסער, פרעגען א גלעזיל טהיי און שטעלען זיך מנחה דאַווענען.

אַרום קליינעם מנין, וואס האט זיך אזוי פיעל אַנגעהערט און אַנגעזעהען פאַר די לעצטע פּאָר טעג, איז שטיל און אומעטיגליך. אַנ'אמת שטיקעלע שמחה איז נאָר צו בעמערקען אויף די שטענדיג ניכטערע און אייביג פרעה-ליכע קינדערשע פּנימ'לעך. זיי קענען נאָך אַלץ נישט פערגעסען דאס שטי-קעלע נחת, וואס זיי האבען דא נישט לאַנג פון זייערע טאַטעס געהאַט... פון א וועלכען נישט-איז הויף אָדער שטי-בעלע דערהערט זיך א געזינגעריי, א געשטיפּעריי, א „טאַפּ-טאַפּ מיט די פּי-סעלעך", „א פּיץ-פּאַץ מיט די הענד-טעלעך", — א טויטער נאָר א לעבּליך-פרישער אָבקלאַנג פון די נעכטיגע און היינטיגע הקפות-טענץ.

און פון דאָרטען, פון ערגיץ ווייט-ווייט, פון א צווייט אָדער א דריט גע-סיל, רייסט זיך פון צייט צו צייט א האַרציג זינגען אַרויס. טהוט א פליה, צוטראָגט זיך און צוגיסט זיך איבער'ן שטעדטיל, אויפהויבענדיג דערביי ביי עטליכע פערדאגה'טע טאַטעס די קעפּ אַרויף, און אַרויספיהרענדיג עטליכע מאַמעס מיט די קינדער אַרום אויף דער גאַס אַרויס.

און ווידער הערט עס אויף און ווי-דער הויבט עס אָן. קענטיג, אַז ערגיץ-וואו איז זיך נאָך די קדושה מתנבר, די שמחת-יום-טוב וויל זיך דעם אומע-טיגען אינדערוואָכען נישט אזוי גרינג אונטערגעבען.

א גאַנצע כנופיה „יודישע שכורים", ווער מיט דער קאַפּאָטע אויפ'ן האַנד, ווער מיט אַנ'איבערגעדרעהט היטעל און ווער גאָר מיט אַנ'אַלטען, צובראָ-כענעם צילינדער אויפ'ן קאָפּ, האבען זיך דאס צום גבאי פערקליבען.

— אַהער מיט א פלעשיל שפּיריטוס!— שרייט בייניש דער מלמד און זשמורעט מיט די אויגען און וואַרפט מיט'ן קאָפּ, ווי א שכור'ער להבדיל — א נישט?... א נישט?.. איז — טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ! טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!!!

און חברה האַלט אונטער. פריהער מיט א ווילדען, אומגעלומפּערטען גע-פּילדער און נאָכדעם ביסלעכווייז, ביס-לעכווייז מיט אזא מין האַרציגען זמר, אַנגעזאַפּט מיט א טיעפער בענקעניש, מיט א רחמים'דיגער בקשה, ווי א שטייגער נאַאיווע, תמימות'דיגע קינ-דער וואָלטען זיך געבעטען: — פאָטערל זיסער, טאַטעלע האַרציגער, מיר ווילען נישט אין „חדר"!... נאָך אזא ליכטיגען גן-עדן... נאָך אזא מנוחה'דיגען יום-טוב!...

און ווידער-אַמאָל חזר'ט חברה אי-בער די התראה און מען איז באַלד אויפ'ן אָרט מקיים דעם פּסק-דין, אזוי לאַנג און אזוי ברייט ביז אפילו שרה לאה דער גבאי'ציכעס האַרטע, קרע-מערשע נשמה ווערט אויך ווייכער און מען נעהמט צום טיש דערלאַנגען.

און דער גאַנצער אָנפיהרער איז דאס מאָל אויך — אזוי ווי אַלע מאָל— בערל-מאָדים געווען. טאַקי אָט דער זעלביגער, וואס קאָן אייך אין א מיטען-דרינגען אזוי א קעהר אַרויף טהון די ברעמען, אַז איהר מיינט: — ביידע אויגען פאַר א מאָל — זאָל גאָט שומר ומציל זיין — זענען ביי איהם אויסגע-רונען. אָדער אין איין מינוט ווערט פון איהם א ווער איהר ווילט: א אַ כיענע די שוחט'קע, א וועלוועל וואָכערניק אָדער גאָר א מתנג'דישער רב...

און ער האט עס דא א ביסעל אָנ-געגעבען. אויף שטוהלען געטאַנצט, א לאַנגען קידוש געמאַכט, דעם עולם אין א „רעדעל" געשלעפּט.

חדר-יונגלעך האבען זיך אויף די הענד געהאָנגען, בחורים און כלה-מיידלעך, וועלכע עס האט נישט גע-פּאַסט אין שטוב אַריינגעהן, זענען אַרום די פענסטער געשטאַנען און ווייי-בער, שוין אין די וואָכעדיגע פאַצייי-לעס, זענען מכלומרשט געקומען די מענער דערמאַהנען, אַז ס'וואָלט מעהר מצוה געווען מעריב דאַווענען און שלאָ-פען געהן...

שפּעטליך.

א סוף חודש'דיגע, פינסטערע, קליינ-שטעדטעלדיגע נאַכט הויבט אָן וואָס ווייטער אַלץ מעהר צוצופאַלען. אין אַנדערע הייזלעך צינדט מען שוין פייער אָן. א שוואַכער מוצאי-יום-טוב'די-גער שיין שניידט זיך דורך די שייב-לעך און פאַלט אין גאַס אַריין, מאַכענ-דיג אַרום זיך די פינסטערניש נאָך ענגער, געדיכטער.

פון מערק הילכען מעטאַלענע אי-בערגעהאַקטע קלעפּ, דאס פאַלען די שטאַבעס פון די בשמים און נאַפּט-גע-וועלבליך, האַלבע טהירלעך עפענען זיך. דורך די געסעלעך לויפען קליינע טעכטערלעך מיט בוטלען נאַפּט און מיט פעקלעך שוועבעלעך. — אין איין שטי-בעל נאָר איז נאָך פינסטער. קולות פון נישט דערוואַקסענע קינדער מישען זיך איינע אין די אַנדערע אויס און א מאַמע-קול שרייט זיי אַלעמען אַרי-בער:

— אייער טאַטען זאָל איך אזוי האָ-בען, ווי איך האָב פאַר וואָס נאַפּט צו קויפען!...

א ווײַלע שפּעטער.

דורכ'ן געסעל לויפט דורך א ווייבע-רישע קליינינקע פיגור, איינגעוויקעלט אין אַנ'אַלטער לעכערדיגער פאַטשיילע, וואס איז ביי די ווינקלען פון שטערען אזוי אויסגעקנייטשט, אַז דאס פּנים קריגט א פאָרם פון אַנ'אַמאָליגען עגיפּ-טישען ספינקס.

ביי חנן דעם גבאי עפענט זיך די טהיר און ראַפּטום פליהען אַריין די עטליכע געצעהלטע ווערטער:

— א הוליעניש אויף זיין קאָפּ! און אין דערהיים כאָטש צוברעך דעם קאָפּ אין דער פינסטער!...

דער ניגון, אין מיטען וועלכען מ'האָט געהאַלטען, האט זיך ביי אַלעמען ווי אין האַלז געשטעלט. מ'האט זיך איינע די אַנדערע איבערגעקוקט, א פּאָר ווערטער דורכגעוואָרפען און — והוא רחום יכפר עון...

נאָך א ווײַלע שפּעטער. בערעל, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט א „נעקראַגענעם" גילדען געהט אַהיים און גראַבעלט זיך די פּאַטיליצע.

— קיין שמחת-תורה גלייך ווי אויף דער וועלט גאָר נישט געווען.

מ. בּרכהן.

און בכלל פערשענערט און אויסגעבעסערט, אז עס איז א תענוג דאָרט אַריינצוגעהן.

א מאָדנע פאָלק זענען דאס די יודען, מען שלאָגט זיי און מען פערפאָלגט זיי, מען רייסט זיי אַרויס די פרנסה פון די הענד, און זיי? זיי פערשענערען זייערע מקום תפילה'ס.

לא אלמן ישראל.

אומזיסטע שרעק...

דערצעהלט מיר א חסידישער יוד פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען קוריאָז.

ער, זאָל מען איהם אָנרופען ל—ף לערנט יעדען טאָג אין זיין חסידים שטיבּעל ביז שפּעט אין אָווענד. (שוין אַזאַ מאָדנער מנהג ביי איהם) שפּעטער ווען ער געהט אַהיים, מיידט ער אויס צוליעב צוועקמעסיגקייט די געזעלשאַפט פון נישט-יודען. טאָמער געהען זיי איהם אַנטקעגען אויפ'ן טראָטואַר געהט ער אַראָב אין מיטען וועג. זעהר אָפט אָבער—דערצעהלט ווייטער דער חסידישער יוד. זעה איך פונדער-ווייטענס, א חברה יונגע-לייט, וועלכע געהן מיר אַנטגעגען מיט ענטבלויזטע קעפּ און רעדען פויליש. בין איך דאָך זיכער, אז דאס זענען נישט קיין יודען און לויף שנעל מיט שרעק אַראָב פון טראָטואַר, קומענדיג אָבער נעהנטער זעה איך גאָר, אז דאס זענען יודען. פערדריסט עס מיך שטאַרק, פאַר וואס איך האָב אומזיסט זיך געשראָקען און געהאַט א פּאָר מינוט האַרץ קלאַפּונג. אפשר קאָנט איהר פועל'ן—בעט זיך ביי מיר דער יוד, אז איך זאָל אויפ-מערקזאַם מאַכען די יודישע יונגע-לייט, אז אין דער איצטיגער צייט עד יעבור זעם, זאָלען זיי די יונגע-לייט נישט געהן אָהנע היטלעך אין גאַס און זאָ-לען רעדען דוקא יודיש, כדי ער און נאָך אַזעלכע יודען, וועלכע געהן אויך דאַמאָלס אין גאַס, זאָלען נישט דאַר-פען האבען קיין אומזיסטע שרעק...

דראַזשקאַזש נומער 63

צו די חברה כוליגאַנעס, וועלכע דאַרפען געשטעמפּעלט ווערען פאַר זיי-ערע ברוטאַלע אָנפאַלען אויף אונשול-דיגע יודען דאַרף אויך פעררעכענט ווערען דער דראַשקאַזש נומער 63.

דאס איז געווען מאָנטאָג אָווענד, ווען דער 68 יעהריגער צדוק וועלט-מאַן איז אַהיימגעגאַנגען פון דער שטאָדט-שוהל איז פונקט אַדורכגעפאָה-רען די דראַזשקע 63. האט דער כו-ליגאַנישער דראַשקאַזש מיט דער בייטש אזוי געשמיסען דעם דורכגעהענדען יוד איבער'ן פּנים, אז ביים יוד איז צובראָכען דער ביין פון דער נאָז און פערוואונדעט אַנ'אויג.

אַלזאָ, צו דעם כוליגאַנישען דראַש-קאַזש 75 וועלכער איז נישט מעהר קיין בן-יחיד האט צובעקומען חבר ל'בייטש דעם כוליגאַנישען דראַזשקאַזש 63.

פערסמ'טע נשמות.

צופעליג בין איך אַריינגעפאַלען אין קרייז-געריכט און דאָרט אַנגעטראָפען אויף א געריכטס פערהאַנדלונג, וואס האט מיך זעהר פעראינטערעסירט:

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק איז געזעסען דער 18-יעהריגער סטעפאַן גלאָוואַצקי, וועלכען מען האט פאָרגע-וואָרפען, אַז דעם 21 יוני ד. י. האט ער צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע ווי ער אַנטייל גענומען אין דעמאָלירען דאס שטאָדטישע בית-המדרש און געהאָלפען פערברענען א סך הייליגע ספרים.

ווי מען האט מיך אינפאָרמירט איז דאס געווען דער איינציגער בעשול-דיגטער אינ'ם פערברעכען פון דעמאָ-לירען דאס בית-המדרש, כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען, איז מיר געווען א גרויס וואונדער, וואס פון דעם גאַנ-צען המון, וועלכער האט זיך בעטיי-ליגט אין דעם פערברעכען, האט מען געכאַפּט נאָר דעם איין-איינציגען גלאָ-וואַצקי'ן נעביך. אזוי האָב איך גע-טראַכט, ווען איך האָב געקוקט אויף דעם יונגען 18-יעהריגען גלאָוואַצקי'ן. שפּעטער אָבער בעת די פערהאַנדלונ-גען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אויך דעם גלאָוואַצקי'ן האט נישט פּאָליציי געכאַפּט בעת'ן פערברעכען, נור א יונ-גערמאַן, א געוויסער גערעכטיגער, וועל-כער האט צופעליג אַראָבגעקוקט פון צווייטען שטאָק און געזעהן, ווי אזוי דער גלאָוואַצקי, וועלכען גערעכטיגער האט נאָך געקאַנט פון פריהער (זיי ביי-דע אַרבייטען אין איין בּראַנזשע אין אייזען-פאַך) האט אויסגעפיהרט די דאָ-זיגע „אַרבייט", און ערשט צומאָרגענס האט גערעכטיגער געמאָלדען אין דער קהלה. אזוי-אַרום איז דער יונגער 18-יעהריגער גלאָוואַצקי אַריינגעפאַלען און האט זיך געפינען אַלס בן-יחיד אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק.

דער געריכטס-זאַל איז געווען כמעט ליידיג, אויסער א פּאָר נאָהנטע פון בעשולדיגטען און די עטליכע עדות. יאָ, אויך עדות האט דער בעשולדיגטער געהאַט. זיי האבען מיט דער גאַנצער זיכערקייט ערקלערט, אַז דעם קריטי-שען טאָג פון 21 יוני איז גלאָוואַצקי געווען ביי דער אַרבייט און האט אפילו נישט געזעהען, וואס אין גאַס טהוט זיך, נאָר דער איינער עדות גערעכטי-גער האט זיך איינגע'עקשנט און האט דוקא גע'טענה'ט, אַז ער האט גלאָוואַצ-קי'ן געזעהן וואַרפען שטיינער אין בית-המדרש אַריין.

קוקענדיג אויף דעם בעשולדיגטען, אויף דעם יונגען 18-יעהריגען בחור האט אַרומגענומען א רחמנות. אזוי יונג און שוין מיט א פער'סמטע נשמה. עס איז געווען א צער צו קוקען אויף איהם. דאס זעלבע האט אויך מסתמא געטראַכט דער פּראָקוראָר, וועלכער האט ווי ס'ווייזט אויס, נישט געוואָלט די זאַך צופיעל צושמירען און האט נאָר אין נאָמען פון גערעכטיגקייט געפאָ-דערט א שטראָף, האַלטענדיג, אַז דאס וואס גלאָוואַצקי האט געטהון ווערט בעצייכענט אונטער'ן אויסדרוק: באַר-באַריזם. דערפאַר אָבער האט איינגע-לייגט וועלטען דער פערטיידיגער. דער אַפּליקאַנט קאַלאַקאָווסקי, א תלמיד פון „צדיק" ר' זאַוואַדזקי. קודם כל האט ער געהאַט תרעומות אויפ'ן פּראָקוראָר, הלמאי ער רופט אָן אַזאַ הייליגע אַר-בייט—באַרבאַריזם, אינדערצייט, ווען דאס איז געווען נישט מעהר ווי א „אָדרוך", דאַן האט ער אין געגענזאַץ צום פּראָקוראָר גערעדט הויך, חוצפה'-דיג און דערביי אויסגעגאָסען אַביסעל גיפט אויף אַלע יודען, דערמאַנענדיג כאַסקעלעוויטש'ן אז"וו אז"וו.

דער עיקר אָבער, האט דער פער-טיידיגער געוואָלט פּסל'ען דאס עדות-זאָגען פון יוד גערעכטיגער. הויך גע-ריכט — האט דער פערטיידיגער גע-שריגען — אָט זענען דאָ פערביי א רייהע עדות פּאָליאַקען, ריינע אַריער, וועלכע האבען געזעהען גלאָוואַצקי'ן ביי דער אַרבייט און נאָר דער איינצי-גער עדות, גערעכטיגער, שטעלט פעסט, אַז גלאָוואַצקי האט יאָ אַנטייל גענומען אין „אָדרוך". מען מוז דאָך אָבער גע-דענקען, אַז גערעכטיגער איז א יוד און ווי בעוואוסט זענען דאָך יודען נקמה-נעמער און ער איז נאָר אויסען א ריינעם אַריער צו בעשולדיגען.

גלויבט איהם נישט דעם יוד — האט דער פערטיידיגער אויסגערופען מיט פּאַטאָס — ער זוכט נקמה!

בעת דער הפסקה זענען מיר געקו-מען פערשידענע מחשבות אין קאָפּ אַריין, איך האָב געטראַכט, אַז דער בעשולדיגטער גלאָוואַצקי איז על-פּי-טעות אַוועקגעזעצט געוואָרען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק. פּאַקטיש דאַר-פען דאָרט זיצען אַנדערע. די יעניגע, וועלכע שיקען די גלאָוואַצקי'ס צו דער דאָזיגער אַרבייט; עס דאַרפען זיצען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק, אָט די פערטיידיגער, וועלכע האַלטען אַזעלכע גיפטיגע, העסליכע רעדעס; די, וואָס ציגדען אָן א פייער צווישען מענש און מענש; די יעניגע, וועלכע נעמען אַזעל-כע יונגע לייט ווי גלאָוואַצקי און פער-סמ'ען זייערע יונגע נשמות. אָט זיי דאַרפען ווערען אָנגעקלאָגט פאַר'ן וועלט-טריבונאַל.

א קלינג פון געריכט האט מיך אויפ-געוועקט און כ'האָב געהערט, אַרויס-לייענען דעם אורטייל, וועלכער אָנער-קענט גלאָוואַצקי'ן פאַר שולדיג (ד. ה. אַז פון אַלע עדות האט מען טאַקי גע-גלויבט, נאָר דעם יודישען עדות) און ער ווערט בעשטראָפט מיט זעקס חדשים תפיסה, אָבלייגענדיג דאס אויספיהרען אויף 2 יאָהר.

מילא, דער אורטייל ווי דער אור-טייל, וואָרים ווער דאַרף דען, אַז גלאָוואַצקי (אגב א זעהר שעהנער סימ-פּאַטישער בחור) זאָל זיצען נאָך עט-ליכע חדשים אין טורמע. ווער האט אָבער געטהון דאס, וואס מען נעמט אַזעלכע גלאָוואַצקי'ס און מען פערסמט זיי זייערע נשמות.

לויתן

בקיצור...

דער „גאַניעץ" האָט טענות, הלמאי די מאַכט ערלויבט אָפֿען צו האַלטען יעדען שבת אָוונד ביז 9 א זייגער די געוועלבער. דאָס—טענה'ט דער „גאַניעץ"—איז א ספּעציעלע פּריוויליעגיע פֿאַר די יודישע סוחרים, וואָס וועט אָבער דער „גאַניעץ" זאָגען, אַז אויך די קריסטליכע סוחרים געניסען פֿון דער דאָזיגער פּריווילעגיע און אויך זיי, וועלכע האָבען אָפֿען א גאַנצען שבת'דיגען טאָג, פֿערמאַכען אויך זייערע געשעפֿטען, יעדען שבת ערשט 9 אויפֿדערנאַכט.

ער מעג זיך פּרעהען, דער „גאַניעץ"—דער מסחר ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר איינגעפּונדעוועט אין קריסטליכע הענד און נישט בלויז מיט מאַנופֿאַקטור און גאַלאַנטעריע, נאָר אפילו מיט ספּעציפֿישע יודישע מסחרים בעשעפֿטיגען זיך שוין קריסטען.

אָט דערצעהלט מען, אַז א נעוויסער קריסט ג. האָט אויף הושענא רבה צוגעגרייט א גרויסען טראַנספּאָרט הושענות און זעהר געשמאַק געלייזט...

מיר האָבען שוין עטליכע מאָל געברענגט פֿאַקטען, ווי אַזוי יודען זענען זיך נישט נוקם און טראָגען אַלע צרות, וואָס מען טהוט אונז אָן, ווילען מיר דאָך נישט בעאיקאָטירען קיין קריסטליכע סוחרים.

איצט וועל איך אייך נאָך ברענגען א לעבעדיגען פֿאַקט:

די לעצטע צוויי דינסטאַג'ס זענען אויסגעפֿאַלען אום יום טוב האָט מען געזעהן, ווי אַזוי יודישע בעל הבית'טעס זענען אין די דאָזיגע טאַרג-טעג אַוועק מיט די קוישען אויפֿ'ן זאַוואַדזיער מאַרק און געמאַכט זייערע איינקויפֿען. צווישען די איינקויפֿערינס זענען אפילו געווען אַזעלכע, וועלכע זענען שפּעטער אַוועק אין שוהל אריין מתפּלל זיין...

מען שמועסט, אַז טראָץ דער שלעכטער שטימונג, וואָס הערשט איצט ביי יודען, האָט דאָס אָבער נישט געשטערט, אַז שמיני עצרת און שמחת תורה, זאָלען יודען נישט מאַכען דעם אמת'ן לחיים. פֿערקעהרט, היי-יאָהר האָבען יודען געטרינקען מעהר, ווי אַלע יאָהר, כדי צו פֿערטרינקען דעם ביטערען וואָרעם, וואָס נאַגט אין הארצען.

און מערקווירדיג: דורך די צוויי טעג, וואָס מען האָט געהאַלטען אין איין טרינקען, איז נישט געווען צו פֿערצייכענען קיין איין פֿאַל, אַז מען זאָל טרעפֿען אין שכור'ן יודען אין גאַס.

א מאָדנע פֿאָלק די יודען...

אין דער שטאָדט-שוהל איז, ווי בעוואוסט, אויף די ימים טובים נישט געווען קיין כאָר. נו, מילא, די ימים נוראים ווי אויך סכּות האָט זיך דער חזן אַנ'עצה געגעבען. וואָס טהוט מען אָבער שמחת תורה צו די הקפות? דאָ מוז מען דאָך שוין יאָ האָבען א כאָר, איבערהויפּט האָט מען דאָך נישט געקאָנט מבייש מאַכען די חברה-קדישא, וועלכע קומען יעדען שמחת תורה אין דער שוהל אריין נאָך הקפות (זייט א בריה און הויבט אָן מיט דער חברה קדושא...) האָט זיך נעשאַפֿען א כאָר פֿון די מתפּללים, וועלכע האָבען מיטגעזונגען מיט'ן חזן, און ווי מען שמועסט, איז ער נישט געווען ערגער פֿון אַנ'אמת'ן כאָר.

אין איינעם פֿון די ראַדאָמסקער שטיבלעך זענען געווען צוויי בעלנים אויף „גשם"-בענשען. היות, ווי דער גבאי האָט גישט געוואוסט ווען פֿון ער זאָל מכבד זיין מיט'ן ברעטיל, האָט ער דעם „גשם" אויסגעשטעלט אויף ליציטאַציע: „קטאָ דאָ וויענצעי", און פֿאַר א דרייער גילדען האָט עס איינער פֿון די בעלנים אָבגעקויפֿט. שפּעטער האָט זיך אָבער דער צווייטער פּרעטענדענט אויפֿ'ן „גשם" מיישב געווען, אַז ער האָט אדורכגעלאָזט א געלעגענהייט און אנגעהויבען צו אונטערהאַנדלען מיט'ן קויפֿער וועגען אָבטרעטגעלד. הקיצור, פֿאַר 9 גילדען האָט דער ערשטער אָבגעטרעטען דעם „גשם" דעם ה' ב., וועלכער האָט טאַקי געבענשט מיט גרויס כונה, האָבענדיג דערפֿאַר בעצאָהלט כּפל-כּפליים.

אזא כח האָט דאָס ברעטיל...

סעם.

פֿון דער שטאָדט - ראַט - זיצונג

מאָנטאַג איז פֿאָרגעקומען א זיצונג פֿון שטאָדט-ראַט, וועלכע איז — ווי פּרעזידענט שטשאָדראָווסקי ערקלערט ביים אָנהויב – צונויפֿגערופֿען געוואָרען אין א צוגעאיילטען טערמין, כּדי נאָכאַמאָל אָנצונעמען די פֿאָרמעלע בעשלוסען וועגען נעמען הלוואות און זיי צוצושטעלען אויף דער זיצונג פֿון דער וואָיעוואָדישער אָבטיילונג דעם 29-טען ד.ח., ווייל די נעכסטע זיצונג פֿון דער דאָזיגער וואָיעוואָדישער אָבטיילונג וועט פֿאָרקומען ערשט אין 3 חדשים אַרום.

לויט'ן טאָג-אָרדנונג האָט דער פּרעזידענט פֿאָרגעלעזען אינ'ם ערשטען פּונקט דעם פֿאָרשלאָג פֿון דער שטאָדט-פֿערוואַלטונג, וועלכער לויטעט, אַז דער שטאָדט-ראַט בעשליסט אַלס פּולע אָנערקענונג פֿאַר די פֿערדינסטען פֿון מאַרשאַל רידז-שמיגלי פֿאַר דער אוּנאָבהענגיגקייט פֿון פּוילען און כּדי צו פֿערפֿעסטיגען איהר מעכטיגקייט צוצוטיילען דעם מאַרשאַל רידז-שמיגלי די עהרען-בירגערשאַפֿט פֿון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו און צו בעטען איהם דעם דאָזיגען טיטול אָנצונעמען.

דער דאָזיגער פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג, דערביי האָט דער שטאָדט-ראַט בעשלאָסען צו בעטראַכטען אַלס פֿאָרשלאָג דעם פּראָיעקט פֿון ענדעקישען ראַטמאַן קולעי, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעעהרען דעם מאַרשאַל רידז-שמיגלי מיט דער עהרען-בירגערשאַפֿט, זאָל ער איינגעלאַדען ווערען קיין טשענסטאָכאָוו אויף דער יאַסנאַ-גורא, וואו עס זאָל איהם אויך איבערגעגעבען ווערען דער עהרען-דיפּלאָם.

דער דאָזיגער פֿאָרשלאַג פֿון ענדעקישען קלוב איז אָנגענומען געוואָרען מיט א געוויסער ענדערונג און דער שטאָדט-ראַט האָט בעשלאָסען ארויסצושיקען צום מאַרשאַל א דעלעגאַציע, כּדי איהם איינצולאַדען צו אונז אין שטאָדט.

דערנאָך האָט דער שטאָדט-ראַט אָהן שום דיסקוסיע בעשטעטיגט די צוויי הלוואות: פֿון 70 טויזענד זלאָטעס אויף דער ווייטערדיגער ענטלאָסטונגס-אַקציע פֿון די פֿינאַנסען פֿון אונזער שטאָדט און 10 טויזענד זלאָטעס אויף אויסצופֿיהרען דעם רעגולאַציע-פּלאַן פֿון אונזער שטאָדט.

צום סוף פֿון דער זיצונג איז דער ענדעקישער קלוב ארויסגעטרעטען מיט אַנ'אינטערפּעלאַציע וועגען די בעפֿרייטע 51 אַרבייטער פֿון די עפֿענטליכע אַרבייטען ביים רעגולירען דעם טייך קוצעלינקאַ.

אַלס תשובה אויף דער דאָזיגער אינטערפּעלאַציע האָט דער פּרעזידענט ערקלערט, אַז דאָס איז געשעהן צוליב דער שווערער פֿינאַנסיעלער לאַגע; ס'זענען בעפֿרייט געוואָרען די דאָזיגע אַרבייטער, וואָס וואָלטען סיי-ווי נישט בעוויזען אדורכצואַרבייטען די נויטיגע צייט אויף צו בעקומען די געזעצליכע אונטערשטיצונגען און זיי וועלען דערייבער אין דער נאָהנטסטער צוקונפֿט געניסען פֿון דער ווינטער-הילף-אַקציע.

אַנ'ענטלאָפֿענער אַרעסטאַנט פֿאַר'ן געריכט.

דורכ'ן קרייז געריכט איז בעטראַכט געוואָרען דער פּראָצעס פֿונ'ם שוין פֿיעלמאָל בעשטראָפֿטען טאַדעאוש ראַגאָווסקי, וועלכער איז דעם 24 מערץ אויף א פֿענסאַציאָנעלען אופֿן ענטלאָפֿען פֿונ'ם שטאָדטישען שפּיטאָל אין דער 2-טער אַלעע, וואו ער האָט זיך געפֿונען אונטער דער שמירה פֿון פּאָליציי. פֿונ'ם שפּיטאָל איז ער ענטלאָפֿען דורכ'ן פֿענסטער פֿונ'ם באָד-צימער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערגעטהון אין די מלבושים פֿון טאַדעאוש דודקאָ און וויקטאָר צאַבאַן, וועלכע זענען אויך געווען אויף קוראַציע אין שפּיטאָל.

מיט עטליכע חדשים שפּעטער איז ראַגאָווסקי געוואָרען פֿערהאַלטען און דאָס שטאָדטישע געריכט, וואו זיין פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען אין דער ערשטער אינסטאַנץ האָט איהם פֿער'משפּט פֿאַר'ן ענטלויפֿען אויף 1 יאָהר און פֿאַר צוגנב'ענען פֿרעמדע קליידונג—אויך אויף 1 יאָהר, צוזאַמען 2 יאָהר. געגען דעם דאָזיגען אורטייל האָט דער פֿער'משפּטער אַפּעלירט און דאָס קרייז-געריכט, אַלס צווייטע אינסטאַנץ האָט בעשטעטיגט דעם אורטייל פֿאַר'ן ענטלויפֿען און פֿאַר דער גנבה פֿערקלענערט די שטראָף ביז 5 חדשים און אַלס געמיינזאַמע שטראָף בעשטימט 1 יאָהר תּפיסה.

נדבות פֿאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' מאַקס נירענבערג און פֿרוי צו דער חתונה פֿון זייער טאָכטער 20 קילאָ ברויט.

ה' יהודה ווייספּעלנער צו דער יאָהרצייט פֿון זיין פֿאָטער 5 קילאָ ברויט.

ה' ה. העלמאַן 2 זל.

ה' ישעי' לייב דאַניעלעוויטש 1 זל.

פֿאַר'ן שפּיטאָל

ה' לייזער ראָזענבוים 20 זל.

די ווינטער - הילף - אַקציע וועט זיך אָנהויבען שוין אין קורצען.

דער שטאָדט-פּרעזידענט שטשאָדראָווסקי און דער נאַטשעלניק פֿון דער אַדמיניסטראַציע-אָבטיילונג ריביצקי זענען עהרענעכטען אָבגעפֿאָהרען קיין קעלץ, כּדי ארומצורעדען דעם ענין פֿון ארגאַניזירען די ווינטער-הילף - אַקציע פֿאַר די אַרבייטסלאָזע, וואָס זאָל זיך היי-יאָהר אָנהויבען בעדייטענד פֿריהער, ווי אין די אנדערע יאָהרען.

ווילנער נייעס

כוליגאַנעס האָבען א „טעות" און צוהרגענען א קריסטליכע הענדלערין

פּערג. דאָנערשטאַג חול-המועד סכּות, הינטער לוטוטאָוו, פֿאַר דער קוזשניע, פֿאָהרענדיג אהיים קיין ווילאָן פֿון לוטוטאָווער מאַרק, איז ארויס א געזעלען און מיט אַנ'אייזערנער ביקס דערלאַנגט די פֿאָהרענדע איבער די קעפּ. צוליב'ן רעגען איז די פֿוהר געווען פֿערדעקט מיט א פּלאַכטע און געטראָפֿען די קריסטליכע הענדלערין מאַריאַנא סקאָטשילאָס, וועלכע איז געוואָרען שווער פֿערוואונדעט אין קאָפּ.

ווי עס זעהט אויס, האָט דער כוליגאַן געהאַט א טעות. ער האָט געמיינט, אַז אויף דער פֿוהר פֿאָהרען בלויז יודען. דערווייל איז אויסער מתתיהו בראָון, וועלכער איז געפֿאָהרען אויף דער פֿוהר נישט פֿערדעקט, זענען די איבריגע געווען בלויז קריסטליכע מאַרק-פֿאָהרער.

דער קריסטין, וועלכע האָט דערפֿיהלט דעם יודישען „טעם", האָט ערטיילט די ערשטע הילף דער פֿעלדשער ה' זעלטען.

כוליגאַנישער אָנפֿאַל אויף א יוד חייל ער האַנדעלט מיט קאַווע.

דער היגער קאַווע - ברענער חיים שמואל אַראָנאָוויטש איז ווי געווענליך אַריינגעגאַנגען צו זיינס א קליענט קאָפּעל גאָלדבאָרד, קאַליסקאַ 9, לייזען קאַווע.

פּלוצלינג איז אַריינגעפֿאַלען אין געוועלב אריין א קריסט, א געוויסער קאַזשימיעזש (קאַליסקאַ 7), וועלכער האָט עפּיס א פֿערטערטונג פֿון קאַווע, און מיט א רציחה זיך געוואָרפֿען אויפֿ'ן יוד הלמאי ער האַנדעלט מיט קאַווע און דעם יוד מערדערליך געשלאָגען.

ווען די אייגענטימערין פֿון געוועלב און די פֿרוי שרה מייראָוויטש האָבען געפּרובט צוריקהאַלטען דעם שלעגער, האָט ער זיך אויך אויף זיי געוואָרפֿען דראָהענדיג מיט דערהרגענען.

עס איז געוואָרען א גרויס צוזאַמענגעלויף. דערווייל האָט ער געמאַכט לך. פּאָליציי האָט דעם „פֿוהר" אויפֿגעזוכט און צוזאַמענגעשטעלט א פּראָטאָקאָל.

פֿון א שטויס פֿון אַנ'אויטאָ געוואָרען שווער פֿערוואונדעט און געשטאָרבען

דער גאַסטאַדאַזש אַנטאָני ווירא פֿון קושיוואַזשיקי, 76 יאָהר אַלט, געהענדיג נעבען דער פֿיהר אויפֿ'ן שאָסע, האָט דער אדורכפֿאָהרענדער לאַסט-אויטאָ מיט'ן קאַסטען איהם א שטויס געגעבען אין ריקען אריין.

פֿון אימפּעט איז ער א פֿאַל געגעבען און געהאַקט מיט'ן קאָפּ אָן א שטיין אַזוי האַסטיג, אַז דער שאַרבען איז ביי איהם צושפּאָלטען געוואָרען.

אין א שווערען צושטאַנד איז דער אַלטער פֿויער אָבגעפֿיהרט געוואָרען אין ווילנער שפּיטאָל, וואו ער איז באַלד געשטאָרבען.

שאַרפֿע רעזאָלוציע געגען די רדיפֿות פֿון פּאָליאַקען אין דייטשלאַנד.

דורך דער איניציאַטיוו פֿון „מערב-פֿערבאַנד" אָבט. אין ווילאָן, איז דעם 23-טען פֿאָרגעקומען א פּראָטעסט-פֿערזאַמלונג, מאַניפֿעסטירענדיג סאָלידאַריטעטס-אויסדרוקען מיט די גערודפֿ'טע פּאָליאַקען אין דייטשלאַנד.

דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿיהאָט ד"ר וואַגנער. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען פֿרעזעס פֿון פֿערבאַנד קאַפּיטאַן ווילטשינסקי און לעהרער מושאַל.

די רעדנער האָבען געשילדערט די רדיפֿות און די נגישות וואָס די פּאָליאַקען האָבען אויסצושטעהן אין לאַנד פֿון אונזער „בעפֿריינדעטען" שכן, אויסדריקענדיג שאַרפֿען פּראָטעסט.

עס זענען אָנגענומען געוואָרען ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציעס.

עולה געווען קיין ארץ ישראל.

דאָנערשטאַג איז אָבגעפֿאָהרען קיין ארץ ישראל אַלס סטודענט פֿון טעכניקום אין חיפה דער מאַטורזשיסט שמואל שאיא, דער זוהן פֿון חשוב'ן גאַציאָנאַלען און געזעלשאַפֿטליכען עסקן יעקב מיר ווינשען איהם ווי אויך זיין פֿרוי, די פּרעזעסין פֿון „וויזאָ", ווי אויך דעם זיידע פֿון עולה, דעם חשובן עסקן, ראַטמאַן און שוהל-גבאי צבי דאָווידאָוויטש צו דערלעבען ביי איהם פֿיעל נחת, עס זאָלען זיך פֿערווירקליכען די אַלע האָפֿנונגען וואָס זענען פֿערבינדען מיט זיין עליה.

ווען צוויי גנבים קריגען זיך.

א דאַנק דעם, וואָס עס האָט זיך צוקריגט אַנ'אינטערוועלט-פּאָרל, האָבען די געליטענע פֿון דער פּאַניענסקאַ גאַס, ביי וועלכע עס זענען געוואָרען אוועקגעגנבעט ראש השנה-צייט די מאַבלים, צוריק בעקומען די גנבות. פֿערשטעהט זיך נישט דאָס עסענוואַרג נאָר די כלים, וועלכע זענען צוזאַמען מיט די מאַבלים צוגערויבט געוואָרען.

אויף דער שוו. באַרבאַראַ גאַס וואוינט א פֿערדעכטיגער פּערשוין, א געוויסער אורבאַנעק, וואָס האָט אויפֿגעהאַלטען ביי זיך א קאָכאַנקע, וועלכע ער האָט ארויסגעשיקט אין גאַס אריין אויף „פֿערדינסט" (דאָס זאָל זיין א שוועסטער פֿון דער, וועלכע איז אין רודער וואָלד דורך איהר מאַן אויף אַנ'אכזריות'דיגען אופֿן דורך אריינשטיפֿען א שטעקען אין האַלז אריין דערמאָרדעט געוואָרען).

ער פּלעגט זי אָבער שרעקליך טעראָריזירען, שלאָגען און פּייניגען. דער אַלפֿאָנס האָט זעהט אויס איבערכאַפּט די מאָס, אַזוי, אַז די „כלה" איז אַנ'אויפֿגעבראָוזטע געלאָפֿען אין דער פּאָליציי, וואו זי האָט דערצעהלט „סודות" פֿון זיין פֿערגאַנגענהייט, זעהט אויס וועגען שרעקליכע בעגאַנגענע פֿערברעכענס, וועלכע ער האָט אויף זיין געוויסען, ווייל דער פּאָליציי-פּאָסטערונעק האָט דעלעגירט אַנ'אָבטיילונג פֿון 6 פּאָליציאַנטען, וועלכע האָבען דעם געפֿעהרליכען פּערשוין מיט רעוואָלווערען אין די הענד פֿעסטגענומען און איינגעזעצט אין תּפיסה.

באַלד נאָכדעם איז פֿאָרגעקומען א רעוויזיע אין זיין וואוינונג, וואו ס'זענען צווישען אַנדערע געגנבעטע זאַכען געפֿונען געוואָרען א גאַנצע רייהע געשיר, וועלכע שטאַמען פֿון די יום-טוב'דיגע גנבות אויף דער פּאַני נסקא גאַס.

די אַלע געליטענע: שילער לייזעראָוויטש, הערשליקאָוויטש, כאַלופּסקי, פּאַרציצקי א. א. האָבען אָבגענומען דאָס זייעריגע.

אויך זענען דאָרט געפֿינען געוואָרען 10 ציכלעך, וועלכע שטאַמען פֿון א גנבה.

הייראַטס-פֿאָרשלאַג

א רייכע אלמנה—מ'זאָגט, אַז א רייצענדע—א בעל-הבית'טע, וואָס בעזיצט אַנ'עלעגאַנטע וואוינונג, איז מוזיקאַליש, א ליבהאָבערין פֿון דער נאַטור—וויל הייראַטען מיט א יונגען, נישט-פֿערמעגליכען מאַנספּערשוין. דער בעדינג: עסטעטיש געקליידעט און עלעגאַנטע שיך, געפּוצט מיט דער פּאַסטע „ערדאַל". מעלדען אונטער: „טש. זש." די געהיימניס: בענוצען ווי אָמווייניגסטען פּאַסטע „ערדאַל", און פּוצען מיט א וויכען טוך ביז צום בלענדענדען גלאַנץ.

נישט געהאַלט דאַווענען מיט א ווינקעל-שוחט

אין גרויסען שטיבעל שמיני עצרת האָט פּרנס בנימין וואָלף מייראַנץ א קלאַפּ געגעבען אין טיש אריין און גערופֿען דעם עולם נישט צו דאַווענען מיט'ן ווינקעל-שוחט שלום שוחט. דער גאַנצער עולם האָט פֿערלאָזט דאָס שטיבעל און געגאַנגען אַנדערשוואו דאַווענען.

דאָס זעלבע האָבען געטהון די בחורים אין זייער מנין נעבען דעם שטיבעל, וואוהין דער ווינקעל-שוחט האָט געוואָלט דאַווענען.

7 KL. SZKOŁA POWSZECHNA

z prawami państwowymi

Mag. T. WAJNBERŻANKI, I-a Aleja № 8.

די שול-קאָנצעלאַריע נעמט אָן איינשרייבונגען פון נייע שילער אין אלע קלאַסען יעדען טאָג פון 8 ביז 12 פארמיטאג.

די שול-לייטונג בעט ווי אמפריהסטען צו פערשרייבען די קינדער אום צו קאָנען פיהרען דעם שול-פראָגראם נאָרמאל. ווי בעוואוסט איז דאס די איינאונאייציגע רעליגיעזע מוסטער-שולע מיט אלע רעגירונגס-רעכט אויפ׳ן היגען פלאץ.

אין דער שולע איז אויך פערהאן **א נאָכמיטאג-קורס פון העברעאיש, תנ"ך, יודישע היסטאָריע** פאר שילער פון אנדערע שולען.

Proszek od **BOLU GŁOWY**

DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.

KOWALSKINA

stosuje się również

PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE

בעצאָהלט פאַר זיין דרייסטקייט...

אין דער נאָכט פון 11 אויפ׳ן 12-טען יולי ה. י. האט יוזעף האָלאָשטשיק, אומקעהרענדיג זיך אהיים דורך דער שלאָנסקא גאס פלוצים דערהערט א פערצווייפעלט געוויין פון א פרוי.

איילענדיג מיט הילף דער ווינענדער איז ער אריין אין גאָרטען, פון וואַנען ס׳האבען זיך דערטראָגען די יעלות, נאר איידער ער האט בעוויזען צוצוגעהן צו דער פרוי, איז איהם אקעגענגעקומען א מאַנספערשון פון אנ׳ערך 40 יאהר און אין אָנהויב פערלאַנגט בלויז א פאַפּיראָס, דאַן א זלאָטע און צום סוף גאר דערלאנגט איהם מיט דער פויסט אין פנים און א קאָפּע אין בויך.

האָלאָשטשיק האט דערפון גע׳חלשט און ווען ער איז דערנאך געקומען צום בעוואוסטזיין, האט ער פעסטגעשטעלט, אז דער פערברעכער האט איהם צוגענומען די מאַרינאַרקע און א פּאָרטפעל מיט קליין-געלד. סיי די פרוי, סיי דער מאַנספערשוין זענען אינצווישענצייט נעלם געווארען.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אַז די דאזיגע רויב-גנבה האט אויסגעפיהרט דער 42-יעהריגער וולאדיסלאוו האָמערא, וועלכער האט בעת דער געריכטס-פערהאנדלונג זיך בלויז טיילווייז מודה געווען, ערקלערענדיג, אז ער האט זיין קרבן געגעבען דעם קלאַפּ מיט דער בלויזער פויסט, נישט בענוצענדיג קיין געפעהרליכע מכשירים.

דאס געריכט האט האָמעראַ׳ן פער׳משפט אויף 1 יאָהר תפיסה.

קאָמוניקאַט פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער - פערבאַנד.

די האַנדעלס קאָמער אין סאָסנאָוויץ טרעט צו, לויט׳ן מוסטער פון פאראַיאָהרען (1936), איינצואָרדנען אויך אין הערבסט היירינעס יאָהר א קאָנקורס פון געוועלב-ויטריטנעס אין די שטעדט: בענדין, טשענסטאָכאָוו, דאָמבראָווא-גורנ. קעלץ, ראַדאָם און סאָסנאָוויץ.

נעמענדיג אין אַכט, איבערהויפּט אין דער היינטיגער צייט די בעדייטונג, וועלכע עס האבען ראַציאָנעלע און עסטעטישע וויטרינעס, געשעפטען און אויך וועלענדיג וואס פריהער צוטרעטען צו דער דערמאנטער אימפּרעזע, האט זיך די האַנדעלס קאָמער געוואנדען צו אונזער אָבטיילונג מיט דער בקשה דאס צו פערעפענטליכען און צוצוציהען א גרעסערע צאָהל געשעפטען און אויך צושטעלען איהר א געהעריגע רשימה פון די האַנדעלס אונטערנעמונגען, וועלכע ווילען נעמען אנטייל אין קאָנקורס.

רעפלעקטאַנטען דאַרפען זיך מעלדען אין סעקרעטאַריאַט פון קליינהענדלער-פעראיין (אָגראָדאווא 5) יעדען טאָג פון 9 פריה ביז 2 מיטאג און פון 6 ביז 9 אין אָוועגד, ביז דעם 8 אָקטאָבער 1937 איינשליסליך.

נייע פרייזען פון געבעקס.

דער היגער מאַגיסטראַט האט דעם 23 ד.ח. פערעפענטליכט נייע פּרייזען אויף געבעקס, וואס זענען פעסטגעשטעלט געווארען אויף א זיצונג פון דער קאָמיסיע צו אונטערזוכען די פרייזען דעם 11 ווזשעשען ד. י. און זענען דערנאך בעשטעטיגט געווארען דורכ׳ן קעלצער וואָיעוואָדע דעם 18 ד. ח. די פרייזען זענען: 1 קילאָ 65 פּראָצ. ברויט 33 גר., 50–65 פּראָצ. 28 גר. א קילאָ, ראָזאָווע 95 פראָצ. 27 גר. א קילאָ, זעמעל 60 גר. א קילאָ, 1 זעמעל פון 65 גראָם 4 גראָשען.

דאס געבעקס, אויסער זעמעל דאַרף בעצייכענט ווערען מיט׳ן נאָמען פון מעהל, פון וועלכען ס׳איז אויסגעבאַקען. אויפ׳ן פערלאַנג פון קונה דאַרפען די זעמעל פערקויפט ווערען אויף דער וואָג.

די דאָזיגע פרייזען פערפליכטען אויפ׳ן שטח פון אונזער שטאָדט פון 23-טען ווזשעשען ה.י. און דאַרפען פערעפענטליכט זיין אין צעטניק, וואס מוז זיך געפונען אין אַנ׳עפענטליך אָרט און צוטריטליך פאר יעדען קונה.

מ׳האָקט שויבען...

מאנטאג, אָרום 11 א זייגער פארמיטאג האט א כוליגאַן אין א שילער-מונדיר אויסגעהאַקט מיט א שטיין די שויב אין שוסטער-געוועלב פון דוד פורא אויף אַלעע וואָלנאָשטשי 15. דער שויבען-האַקער איז געווארען פערהאלטען און איבערגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויפזיכטס מאַכט.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

דער י. ט. ס. פ. „מכבי" אָרגאַניזירט אויפ׳ן אָנקומענדען ווינטער-סעזאָן א רייהע ספּאָרט-סעקציעס, ווי: סקי, גימנאַסטיק (צוו. אנד. ריטמישע גימנאַסטיק פאר קינדער), האַנד-באָל, באָקס א.א.וו. אונטער דער לייטונג פון ערפאהרענע אינסטרוקטאָרען.

מיטוואָך, דעם 6 אָקטאָבער קומען פאר די ערשטע איבונגען פון דער גימנאַסטישער גרופּע פאר פרויען, מיט וועלכער עס וועט אָנפיהרען די אַבּסאָלווענטין פון קראקאווער אוניווערזיטעט, לעהרערין פון פיזישער ערציהונג אין היגען יודישען גימנאַזיום פר"ל מאג. היטנער. די איבונגען פון דער דאזיגער גרופּע וועלען פאָרקומען יעדען מאנטאג און מיטוואָך 8 א זייגער אָוועגד.

אינפאָרמאַציעס וועגען די ענטשטעהענדע ספּאָרט-סעקציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון „מכבי" (קאַטעדראַלנע 13) פון 9 ביז 10 א זייגער אָוועגד.

פישל ווידענפעלד ז"ל

דעם פערגאנגענעם זונטאג (הושענא רבה) האבען די טשענסטאכאווער יודען בעגלייט אין זיין אייביגער רוה דעם היגען אָנגעזעהענעם תושב, לאַנגיעהריגען חברה קרישא גבאי, ר׳ פישל ווידענפעלד ז"ל.

ווי נאָר ר׳ פישל ז"ל האט זיך אין יאהר 1880 בעזעצט אין אונזער שטאדט, איז ער גלייך געוואורען פערערכענט צווישען די אנשים חשובים און אויף אלע קהל׳ישע אסיפות געווארען איינגעלאָדען. ווען אין יאהר 1887 איז פאָרגעקומען די שאלת-הרבנות אין אונזער שטאדט און דורך די ראשי-הקהלה איז בעשטימט געווארען א קאָמיסיע פון זעקס אָנגעזעהענע בעלי-בתים, וואס זאָלען אויסקליבען פון אלע קאַנדידאַטען א פּאַסענדען רב, איז ר׳ פישל ז"ל געווען איינער פון די זעקס, טראָץ דעם וואס ער איז נאָך דאמאָלס געווען אַ יונגערמאַן.

אין זעלבען יאהר 1887 איז דער פערשטאָרבענער געווארען אויסגעקליבען אלס גבאי אין דער חברה קדישא, וואו ער איז בכלל געווען דער יונגסטער מיטגליעד. דורך דער צייט האבען זיך די גבאים אין דער חברה מעהרערע מאָל געביטען, ר׳ פישל איז אָבער אָנערקענט געווארען אַלס פעהיגער און נוצליכער גבאי און פערבליבען ביי זיין עהרען-אַמט, ביז צו דער פטירה.

דער נפטר איז געווען בעליבט ביי דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג און זיין טויט האט ארויסגערופען ביי אלע גרויס טרויער.

אין זיין לויה האבען אנטייל גענומען א גרויסע צאהל מלוים, צווישען וועלכע עס זענען געווען: חסידים, בעלי-בתים און פאָרטגעשריטענע.

אויפ׳ן בית-עלמין האט דעם נפטר מספיד געווען אין נאמען פון דער חברה קדישא—דער גבאי ראשי ר׳ משה האַלטער, וועלכער האט בעוויינט דעם גרויסען פערלוסט, וואס אונזער קהלה בכלל און די חברה קדישא בפרט האבען געליטען מיט׳ן טויט פון ר׳ פישל ווידענפעלד ז"ל.

ת.נ.צ.ב.ה.

פון דער יודענשטאטס-פּאַרטיי.

שבת דעם 2-טען אקטאבער פונקטליך 8 30 אָוועגד אין אייגענעם לאָקאַל, ב. יאַסעלעוויטשא 9, וועט פאָרקומען א טרויער-פערזאמלונג צו די שלושים פון פערשטאָרבענעם חבר חיים דזיאבא ז"ל.

אַלע חברים-ות ווערען דיסציפלינאַריש אויפגעפאָדערט פונקטליך צו קומען.

פאַרבערייי און כעמישע וועשערייי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעטאשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן פראַשען אויפ׳ן אָרט),
4) כעמישריינינען און פּאַסאַנירען קאַפּעלושן.

Lekarz-Dentysta

Henryk Lejzerowicz

przeprowadził się

na ul. Aleja 32 m. 3

telef. 17-57.

KINO „EDEN".

מעכטיגער פילם פון אונפערגלייכליכע איינדרוקען און שפּאַנונג

ZABRONIONE SZCZĘŚCIE

דראמא פון א פרוי, וואס ליבט דעם שונא פון איהר פאָטערלאַנד.

איבער׳ן פּראָגראַם: אַקטואַליען.

Kino „LUNA"

גרויסער פּוילישער פילם

ZNACHOR

דראמע לויט דער הער הערליכער ערצעהלונג פון טאַדעאוש מאָסטאָוויטש.

אין דער טיטול-ראָל:

יונאָשאַ סטעמפּאָווסקי

און אין די הויפּט-ראָלען:

באָרזישעווסקאַ — זאַכאָרעוויטש — צוויקלינסקאָ—חענגרזין—הנידזינסקי.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

גרויסע זיטליכע דראַמע, וואס דעמאַסקירט דעם האַנדעל מיט ווייסע שקלאַפען!

DROGA DO RIO

דאַרף דינען אַלס וואָרנונג פאַר אַלע יונגע און אונערפאַהרענע מיידלעך.

פילם, וועגען וועלכען ס׳רעדט די גאנצע וועלט!

WORLD-RADIO

świat w domu...

Posiadamy na składzie najnowsze modele odbiorników krajowych i zagranicznych.

Od popularnej dwójki — do luksusowej superheterodyny z oscylograficznym wskaźnikiem.

Od taniej jednoobwodówki do wykwintnego siedmioobwodowego z zaworem przeciwinterferencyjnym.

Każdy miłośnik radia znajdzie coś dla siebie.

Prowadzimy demonstrację i sprzedaż następujących odbiorników:

World - Radio
Mazur
Polonez

Kosmos
Pionier (super popularny)
Matador (super luksusowy)
Meteor

Telefunken
Fenomen
Symphonic
Stradivari (z mag. okiem)
De Luxe (z lustrzaną skalą)

Capello (Ingelen - Wiedeń)
Serja superów luksusowych
Capri (z magicznym okiem)
Milano (ze skalą geograf.)
Roma (wmontowany radiogram)

Philips
Typ 109
Super 4-38
„ 6-38
„ 7-38 (z monosterem)
„ 8 38 (z monosterem)

Radio Union (Orion-Budapeszt)
Union 3
Union 7
Union-Lux

Elektrit
Patria
Tempo
Maestro
Opera

Hornyphon (Wiedeń)
Lord—38
Olympic—38

Zakłady Radiotechniczne

WORLD-RADIO

Inż. Br. Fliegelman i S-ka

Spółka Komandytowa

Aleja 24 w podwórzu, tel. 25-75.

אינ׳ם בעקאַנטען **טישלער=ווערקשטאַט**

א. ד. פ. **י. ברוסט, אַלעע 31**

ווערט ווייטער אויסגעאַרבייט אַלעראַרט **ווייס מעבעל**

קוכען, קינדער=צימערן און געוועלב=איינריכטונגען, נייע מאָדעלען רעיעלע בעהאַנדלונג. פונקטליכע אויספיהרונג.

מיר פערהאָפען, אַז די ג׳ קליענטעלע וועט זיין העכסט-צופרידען פון די בעשטעלונגען, וואס זיי וועלען ביי אונז מאַכען.

מיט אכטונג י. ברוסט, אַלעע 31.

BUCHALTERII,

korespondencji handlowej, polskiej i niemieckiej, matematyki handlowej, ekonomii (prawo handlowe, wekslowe, przepisy podatkowe) udziela w kompletachi pojedyńczo prof. średniej Szkoły Handlowej pełn. praw. państw. Absolwent Akademii Handlowej w Wiedniu. Ceny b. przystępne. Świadectwa.

ul. Piłsudskiego 33, I piętro 1.

די אַרבייטען צום נייעם שטאָדטישען בודזשעט.

אין געגענזאַץ צו די פריהערדיגע יאָהרען, ווען צוליב די כסדר׳דיגע ענדערונגען אויף די לייטענדע אמטען אין דער שטאדט פערוואַלטונג איז דאס שפעטערדיגע בעשטעטיגען דעם בודזשעט, געווארען כמעט א כראָנישע ערשיינונג, וועט דער נייער שטאָדטישער בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1937–38 – ווי עס זעהט אויס – בעשטעטיגט ווערען אין א פריהערדיגען טערמין.

די בעזונדערע אָבטיילונגען פון מאַגיסטראט האבען אין אַלגעמיינע שטריכען שוין פעסטגעשטעלט זייערע בודזשעטען, וועלכע וועלען ערשט אויסגעגליכען ווערען אויף א געמיינזאַמער קאָנפערענץ.

די בודזשעט סעסיע פון שטאָדט-ראַט וועט זיך אנהויבען וואַרשיינליך אין פּאַזשדזיערניק.

אַ נייע מאָטאָר-פּלומפּ פאַר די היגע פייערלעשער.

די לעצטע טעג האבען די היגע פייערלעשער אראבגעבראַכט די נייאיינגעקויפטע, אין ווארשא אויסגעפּערטיגטע, גרויסע מאָטאָר-פּלומפּ, וועלכע גיט ארויס אין משך פון 1 מינוט 1400 ליטער וואסער. די דאזיגע פּלומפּ וועט בענוצט ווערען נור אין פאַלען פון גרעסערע שרפות.

וויכטיגע קאָנפערענץ מיט פאָרשטעהער פון דער עלעקטראָווניע

ווי בעוואוסט, איז דער מאגיסטראט כמעט דער גרעסטער אָבנעמער פון עלעקטרישער קראַפט אין אונזער שטאָדט און צאָהלט דער עלעקטראָוניע עטליכע הונדערט טויזענד זלאטעס יעהרליך פאר בעלויכטען די גאַסען און שטאָדטישע פּלעצער, מאגיסטראט, שטאדטישע שפּיטאָלען, טעאטער א.א.וו.

די פראַגען, וואס זענען פערבינדען מיט׳ן בעלויכטען די דאזיגע אָביעקטען וועלען זיין די טעמא פון דער נאָהענטסטער קאָנפערענץ צווישען שטאָדט-פּרעזידענט שטשאדראָווסקי מיט פאָרשטעהער פון קאָנצערן, וואס בעלויכט טשענסטאכאוו און אנדערע שטעדט.

טשענסטאָכאָוו אין דער לאָדזער וואָיעוואָדשאַפט?

שוין א לענגערע צייט קורסירען קלאַנגען, אז דער טשענסטאכאווער פּאָוויאַט זאָל איינגעגלידערט ווערען צום שלעזישען אדער לאָדזער פּאָוויאט. איצט טיילט מיט דער „פּיד", אז אין צוזאַמענהאנג דערמיט, וואס א רייה פּאָוויאטען, וועלכע האבען ביז-איצט געהערט צום לאָדזער פּאָוויאט, זענען צוגעטיילט געווארען צום פּוזנער פּאָוויאַט, ווערען בעטראכט א רייה פּלענער וועגען ענדערן די צוטיילונג פון די צענטראל שטחים.

צווישען אנדערע ווערט פּראָיעקטירט צוצוטיילען צו דער לאָדזער וואָיעוואָדשאפט מאנכע פּאָוויאטען, וואס געהערען ביז-איצט צו דער קעלצער וואָיעוואָדזטווע, צווישען וועלכע עס ווערט אויך דערמאנט טשענסטאָכאָוו.

Druk. B. Bocian, Aleja 6 — Redaktor i wydawca: B. Bocian